# דער יוד


# (DER JUDE)

צייטשריפט

## פיר אלע יודישע אינטערעסען.

ערשיינט יעדע וואָך.

פערלאג: חברה „אחיאסף".

אבאנאמענטס פרייז יאָהרליך:
אָסטרייך-אונגארן —.6 פלארין.
האלביאָהריג —.3 "
פירטעליאָהריג 1,50 "
דייטשלאנד — .10 מארק.
ארץ ישראל — .12 פראנק.
אנדערע לענדער — .15 "
אמעריקא, ענגלאנד—.10 שילינג.

פרייז פון מודעות (אנצייגען):
פיר יעדער קליינע שורה פעטיט
10 קרייצער, 25 פפעניג, 10 קאפ.

דער פרייז פיר רוססלאנד:
גאנץ יאָהרליך —.5 רוביל.
האלב יאָהרליך —.3 רוביל:
פירטעל יאָהרליך 1.50 רו"כ.
מען קען אויך אויסצאהלען אין 3 ראטען:
ביים אבאנירען — 2 רוביל
דען 1טען אפריל — 2 "
דען 1טען אויגוסט — 1 "

ענדערען די אדרעססע קאסט 20 קאפ.

קראקויא, אדר ב' תר"ס. | נומער 10—9. | Krakau, 8 März 1900.


# פורים-נומער

## אינהאלט:


א) פורים. — י. ל.
ב) שלח מנות. געדיכט. — ש. פרוג.
ג) אלט-וואַרג. ערצעהלונג. — י. ל. פרץ.
ד) צייטונגס-שטימען לכבוד פורים. — בעל מחשבות.
ה) ווי בנצע יוסי'ס איז געוואָרען מיניסטער. — ד"ר שמריה הלוי.
ו) געניג גראגערן. ערצעהלונג. — מ. ספעקטאָר.
ז) נאָך דער ערשטער מגילה. אַ חלום. — בעל מחשבות.
ח) יודישע שטעדט און שטעדטליך. — אמת.
ט) פאליטישע איבערזיכט. — י. ל.
י) די יודישע וועלט.
יא) פורים. פעלעטאָן. — שלום עליכם.


### ה. תר"ס — וואכען-קאלענדער (לוח) — 1900

| די טעג פון: חודש | וואָך | אדר ב' (פעווראל) מערץ-מארזעץ | | נייער ס. מערץ | אלט. ס. פעווראל |
|---|---|---|---|---|---|
| י | זונטאג | | | 11 | 27 |
| יא | מאנטאג | | | 12 | 28 |
| יב | דינסטאג | | | 13 | 29 |
| יג | מיטוואך | תענית אסתר. | (מאַרט* | 14 | *1 |
| יד | דאנערס. | פורים. | | 15 | 2 |
| טו | פרייטאג | שושן פורים. | | 16 | 3 |
| טז | שבת | פ' צו, הפסקה. | | 17 | 4 |

### קורצע פערצייכנונגען פון דער יודישער געשיכטע.

| טאג | יאהר | |
|---|---|---|
| י' | ה.תרמו | געשטאָרבען אין בערלין דער בעריהמטער געלעהרטער ד"ר צונץ. |
| יא | ה.תרלב | " אין ווילנא הגאון ר"ש שטראשון. |
| יב | תתת"פ | דערהרגיט דער רוימישער צורר-ישראל קוויעטוס. |
| יג | ג ת"ה | דער נס פון פורים. |
| יג | תתקע"ו | נפטר געוואָרען ר' יהודה דער מחבר פון „ס' חסידים". |
| יד | ה.ע"ו | האָט קעניג לעאָפאָלד בעפרייט די קריסטען אין היילבראן פון צאָהלען חובות די יודען. |
| טו | ה.תל"ו | נפטר געוואָרען אין קאליש דער מחבר פון „מגן אברהם". |
| טו | ה.תר"ל | געגרינדעט די אקערבוי שולע „מקוה ישראל" אין א"י. |
| טז | התרנ"ב | בלוט-בלבול אין פאָרט סעיד (מצרים). |

צו אבאָנירען דעם „יוד“:

אין קראקא:
Administration „DER JUDE“, Krakau, Dietelsgasse 45.

אין ווארשא:
Verlag „Achiasaf“, Warschau, Postkiste Nr 25, mündlich: Twarda 6, Thür II.

אין וויען:
E. Torczyner, Wien I, Rudolfsplatz 6.

אין לאדז, ביי אונזערעם פערטרעטער:
S. Hochberg, Lodż, Cegielnianastr. 36.

„דער יוד“ איז אויך איינגעטראגען אין דער צייטונגספרייזליסטע דער ק. ק. עסטרייכישען פאסט אונטער דער נומער:
1920a Nachtrag VII.

## ОТКРЫТА ПОДПИСКА НА 1900-й ГОДЪ

**на выходящую два раза въ недѣлю подъ новою редакціею**

ГАЗЕТУ

# „ВОСХОДЪ“

и ЕЖЕМѢСЯЧНЫЙ ЖУРНАЛЪ

# „КНИЖКИ ВОСХОДА“.

**при сотрудничествѣ гг.: д-ра М. Г. Айзенштадта, Н. П. Аксакова, проф. I. Барта (Berlin). Бенъ-Ами (псевд.), Б. Бен—вида (псевд.), д-ра А. Берлинера (Berlin). Б. Д. Богена (New Jork). Л. М. Брамсона, Б. Ф. Брандта, А. И. Браудо, Р. Брайнина (Wein), д-ра Ю. Д. Бруцкуса, Г. А. Бѣлковскаго, проф. А. Бюхлера (Wein), З. А. Венгеровой, С. А. Венгерова, М. М. Винавера, С. Е. Винера, Л. Винца, д-ра А. Я. Гаркави, Г. Г. Геккеля, д-ра М. Гидемана (Wein). С. М. Гинзбурга, О. Б. Гольдовскаго, А. Г. Горнфельда, проф. Р. Готгейля (New Jork), С. М. Дубнова, Л. О. Зайденмана, А. А. Зусмана, Я. И. Израэльсона, М. Г. Кагана, проф. М. Кайзерлинга (Budapest), д-ра Л. О. Кантора, д-ра Л. С. Каценельсона. Я. Каценельсона, проф. С. Краусса (Budapers), д-ра П. Куинджи (Paris), М. И. Кулишера, М. Н. Лазарева, А. Е. Ландау, Д. А. Левина, К. Н. Львова, академика М. Л. Маймона, П. С. Марека, д-ра Л. Моцкина (Berlin), М. Г. Моргулиса, М. И. Мыша, В. А. Мякотина, Н. А. Переферковича, М. В. Познера, Б. Д. Порозовской, А. А. Пресса, Я. С. Ромбро, Я. Л. Сакера, Натана Самуэли (Lemberg). Г. Б. Сліозберга. М. А. Соловейчика, Владиміра Соловьева, С. М. Станиславскаго, Стеллина (псевд.), А. П. Субботина, проф. Н. И. Стороженко, А. С. Таненбаума, М. Л. Тривуса, М. Фридлендера (London), С. Г. Фруга, г-жи Р. М. Хинъ, проф. Д. А. Хвольсона, г-жи О. Н. Чюминой, д-ра М. Шрейнера, (Berlin), О. Н. Штейнберга, А. Е. Яновскаго, д-ра С. О. Ярошевскаго, проф. М. Ястрова (New Jork) и др.**

Лица, принимающія ближайшее участіе въ изданіи, поставили своею задачею служить печатнымъ словомъ правому дѣлу еврейскаго народа въ Россіи и въ другихъ странахъ. Прогрессивныя теченія, обнаруживающіяся въ жизни народа, направленныя къ подъему его духовныхъ силъ и развитію его самодѣятельности, встрѣтятъ въ „Восходѣ“ живѣйшее сочувствіе и посильную поддержку. „Восходъ“ ставитъ своею задачею пробуждать духъ народа, развивать въ немъ чувства національнаго самосознанія и личнаго достоинства.

Газета „**ВОСХОДЪ**“ **выходитъ съ 1-го ноября 1899 г. ДВА РАЗА ВЪ НЕДѢЛЮ**, такъ что будетъ имѣть возможность знакомить читателей своевременно со всѣми новѣйшими извѣстіями какъ изъ текущей жизни евреевъ, такъ и изъ общей политической жизни Россіи и иностранныхъ государствъ.

Отводя столбцы газеты для текущихъ вопросовъ дня, редакція будетъ въ ежемѣсячныхъ книгахъ журнала помѣщать произведенія беллетристическаго характера и статьи научнаго содержанія—по исторіи евреевъ, археологіи, этнографіи, антропологіи и статистикѣ, а также болѣе обстоятельныя изслѣдованія тѣхъ вопросовъ еврейской жизни, которыя требуютъ разработки и всесторонняго освѣщенія.

Приложенія для **годовыхъ подписчиковъ: сборникъ: «Еврейскія Народныя Пѣсни»** (съ платою за перес. 50 к.) и **«Художественный Литературный Альбомъ» академика М. Маймона съ 10-ю картинами на сюжеты изъ произведеній, посвященныхъ евреямъ (для подписч.** за 3 р., съ перес. 3 р. 50 к.).

**УСЛОВІЯ ПОДПИСКИ:** На годъ газета «Восходъ» съ журналомъ «Книжки Восхода» 10 р., на ½ г. 6 р., на 3 мѣс. 3 р. За границею на годъ 12 р., на ½ г. 7 р. При отдѣльной подпискѣ за газету 7 р. въ годъ, за книжки 3 р. въ годъ. **РАЗСРОЧКА** подписной платы на оба изданія допускается на слѣд. условіяхъ: при подпискѣ 4 р., къ 1-му марта 3 р. и къ 1 му іюля 3 р., или при подпискѣ на полгода: 3 р. къ 1 іюля и 3 р. къ 1 октября. Для подписывающихся на «Восходъ» безъ «Книжекъ»: 3 р. при подпискѣ, 2 р. къ 1 марта и 2 р. къ 1 іюля. Для раввиновъ, учащихъ и учащихся въ высш. уч. завед. уступка въ 10%.

**КОНТОРА и РЕДАКЦІЯ:** С.-Петербургъ, Театральная Площадь, 2.

Отдѣльные №№ газеты продаются по 10 коп. (съ перес.) въ книжныхъ магазинахъ, газетныхъ кіоскахъ, на желѣзнодорожныхъ станціяхъ и у мѣстныхъ агентовъ.


איך לערען דורך בריעף
מאכען פֿארשידענע גוטע טינטען און טאשען (פֿאר קליין באלוינונג).
פאדראבנע, ביטע שיקען א 7 ק' מארקע.
M. BLOCH, Warszawa, Pawia 30 :אדרעס

PRACOWNIA
wyrobów Kamieniarsko-rzeźbiarskich
pod firmą WOLF AUERBACH.
dawniej J. AUERBACH. i B. SZAJDER
Warszawa, ul. Gęsi Nr. 65, dom własny.
פאבריק פון בויארבייטען אונד גראבמאנומענטען (מצבות)
אין אללען שטיין זארטען, בעסטער קוואליטעט צו דען בילינסטען פרייזען.
וואלף אויערבאך ווארשא, גענשע שטר. 65
בעקוועמע און פארטהיילהאפטע בעדינגונגען אנפראגען באלד בעאנטווארט.

II Jahrgang. DER JUDE. Nr. 9 – 10

# דער יוד

צייטשריפֿט
פֿיר אלע יודישע אינטערעסען.
ערשיינט יעדע וואָך.
פֿערלאַג: חברת „אחיאסף“.

דער פרייז פֿיר רוססלאַנד:
גאַנץ-יאָהרליך — .5 רוביל.
האַלב יאָהרליך — .3 רוביל.
פֿירטעל-יאָהרליך 1,50 רוביל.
מען קען אויך אויסצאהלען אין 3 ראטען:
ביים אבאנירען — 2 רוביל
דען 1טען אפריל — 2 ״
דען 1טען אויגוסט — 1 ״

ענדערען די אדרעסע קאסט 20 קאפ.

אבאנאמענטס פרייז יאָהרליך:
אַסטרייך אונגארן — .6 פֿלארין.
האַלביאָהריג — .3 ״
פֿירטעליאָהריג 1,50 ״
דייטשלאַנד — .10 מארק.
ארץ ישראל — .12 פֿראנק.
אַנדערע לענדער — .15 ״
אמעריקא, ענגלאַנד — .10 שילינג.

פרייז פֿון מודעות (אנצייגען):
פֿיר יעדע קליינע שורה פעטיט 10 קרייצער, 25 פפֿעניג, 10 קאפ.
Erscheint Donnerstag.

Krakau, 8 März, 1900. נומר 9 – 10. קראַקויא, אדר ב׳ תר״ס.

## פורים.

פֿון אלע אונזערע ימים טובים איז פורים דער איינציגער, וועלכער איז ניט אין ארץ ישראל ענטשטאַנען און וועלכער שטעהט אָהן יעדען צוזאַמענהאַנג מיט אונזער לאַנד. אין דער פֿרעמד איז פורים ענטשטאַנען, דערפֿאַר זעהען מיר ניט אין איהם דעם שטאָלץ פֿון אַ פֿאָלק, וועלכעס האָט גבורות ארויסגעוויזען, נצחונות געוואונען, גרויסעס און איבּיגעס געשאַפֿען. פורים איז ניט קיין יום טוב פֿון אַ פֿרייען פֿאָלק וואָס קעמפֿפֿט, ער האָט אין זיך ניט די פֿרייד פֿון חנוכּה, ווען די יודען האָבען ווי העלדען געשטריטען, אום צו בעפֿרייען דאָס לאַנד פֿון זייערע שׂונאים, ער האָט אין זיך ניט די פֿרייד פֿון פסח, ווען די יודען האָבען צוריסען די קייטען פֿון קנעכטשאַפֿט און געוואָרען פֿריי. אין גלות איז דער יום טוב געבאָרען, אין גלות, וואו די קראַפֿט פֿון פֿאָלק איז געבראָכען, וואו דער הימעל איז בעדעקט מיט דיקע און פֿינסטערע וואָלקענס.

צו וואָס־זשע איז די פֿרייד, וואָס איז דער יום טוב? אין גלות איז דאָך ניט פֿרעהליך, אין גלות איז דאָך ניט ליכטיג. אָבער אויך אין די פֿינסטערע וואָלקענדיגע טעג רייסט זיך אַמאָל דורך אַ העלער זונענשטראַהל, וואָס וואַרעמט און בעלייכט אלע פֿערשמאַכטע הערצער, דאַן איז פֿרייד, דאַן איז שׂמחה. פורים איז אַ יום טוב אין גלות, אַ העלער זונענשיין אין דער גרויסער פֿינסטערניש. ניט אין דער טבע פֿון די וואָלקענס אָבער ליגט די ליכטיגקייט, ניט אין דער טבע פֿון גלות ליגט די פֿרייד, דערפֿאַר זענען אין גלות די פֿינסטערניש און דער קומער שטענדיג און די פֿרייד נור אויף אַ ווײַלע. צופֿעליג ענטשטעהט זי און פלוצים פֿערגעהט זי. די פֿרייד איז צופֿעליג, ווייל זי האָט ניט צו פֿערדאַנקען דער אייגענער אַרבייט פֿון פֿאָלק און זיינע כּחות. אַ צופֿעליגער ווינטיל פֿון אַ זייט האָט זי געבראַכט און אַ צופֿעליגער ווינטיל טראָגט זי אַוועק. דאָס לעבען אין גלות האָט ניט דעם פֿעסטען יסוד, וועלכער גיט קראַפֿט און געזונדעס לעבען, די אייגענע כּחות הערען אויף צו וואַקסען, און עס בלייבט קיין זאַך ניט איבּריג, ווי נור רוהיג און פֿאַר גוטס אָנצונעמען אלסדינג וואָס עס קומט פֿון אַ זייט, פֿון דער פֿרעמד. עס שטאַרבט אָב דאָס געפֿיהל, וואָס טרייבט צו זעלבסטשטענדיגער אַרבייט און צום קאַמפֿף פֿאַר׳ן לעבען און גליק, און דער צופֿאַל הויבט אָן צו שפּיעלען אַליין אַ גרעסערע ראָליע. די צופֿעליגקייט ברייגנט אַ מאָל אויף אַ ווײַלע עפּיס בעסערעס, אָבער דאָס גוטע הייגט אָב ניט פֿון אונז, ניט פֿון אונזער רצון, נאָר פֿון פֿרעמדע. אין גלות פֿערלירען מיר אין גאַנצען דאָס אייגענע, מיר הערען אויף צו קעמפֿפֿען פֿאַר דאָס וואָס מיר ווילען, מיר הערען אפילו אויף צו וועלען, אַלע אונזערע פֿאָלקסבעוועגונגען ווערען שוואַך און הילף ערוואַרטען מיר ניט פֿון דער אייגענער אַרבייט, נאָר פֿון פֿערשיעדענע צופֿעליגקייטען אין לעבען. דאָס גוטע קען זיך דערפֿאַר ניט האַלטען, עס קען ניט וואַקסען און בליהען, די גוטע צייט געהט גלייך אַוועק און עס ווערט באַלד ווידער פֿינסטער און מוֹרא׳דיג. נאָך דער קורצער פֿרייד קומען צוריק די אַלטע צרות, די גרויסע שווערע לאַסט פֿון גלות.

די צופֿעליגקייט פֿון אונזער פֿרייד אין גלות זעהען מיר שוין אין דער בעפֿרייאונג פֿון דער סכּנה. ניט מיט אייגענע קראַפֿט איז דאָס פֿאָלק געראַטעט געוואָרען פֿון המן׳ן, נאָר דורך אַ צופֿעליגע מעשׂה. די צופֿעליגקייט ליגט שוין אין דעם וואָרט פורים, וואָס בעטייט אַ גורל, אַ לאָטעריע. אמת, אויך די סכּנה איז צופֿעליג און זי בעווייזט טאַקי נאָך אַ מאָל ווי שוואַך איז דער יסוד פֿון יודישען לעבען אין גלות, ווען אַ בייזער קוק פֿון אַ איינצעלנעם מענשען, ווען אַ זייטיגע קליינינגקייט קען שוין אָנצינדען אַזאַ גרויס פֿייער און אין גאַנצען צורודערן דאָס יודישע לעבען. די צופֿעליגקייט זעהען מיר אויך אין דעם וואָס ניט איין פורים איז געווען אין אונזער לעבען. יעדעס מאָל, ווען די יודען פלעגען אין וואָס ס׳איז פֿאַר אַ לאַנד אָדער אַ שטאָדט פֿריי לעבען פֿון זייערע שׂונאים, וואָס האָבען זיי געוואָלט אויסראָטען, פלעגען זיי מאַכען אַ פורים. אַלע פורים׳ס אָבער זענען פֿערגעסען געוואָרען, נאָר דער איין פורים פֿון פּרס איז געבליבען. ער איז געבליבען, ווייל מיט איהם איז פֿערבונדען אַ גרעסערע סכנה און אַ וואונדערליכערע רעטונג, ווייל מיט איהם זענען פֿערבונדען אַזוינע וואונדערבאַרע געשיכטען, וועלכע ווירקען אַזוי שטאַרק אויפ׳ן פֿאָלק. אחשורוש, המן, מרדכי און אסתר טרעטען אויף פֿאַר׳ן פֿאָלק אין לעבעדיגע בילדער און שילדערן אונזער גאַנצע אונבעהאָלפֿענקייט אין גלות. דאָס פֿאָלק לעבט איבער צוזאַמען מיט מרדכי׳ן זיינע זאָרג און ליידען און דערנאָך פֿרעהט עס זיך צוזאַמען מיט איהם מיט דער רעטונג, די פנימער שטראַהלען ביי אַלעמען פֿון שׂמחה און גליק וואָס די יודען האָבען אַ מאָל איבערגעלעבט. די פֿרייד איז נאָך גרעסער, וואָס דער שׂונא איז אַזוי טיעף געפֿאַלען, וואָס זיין מפּלה איז געווען אַזוי גרויס, וואָס ער איז אַליין אריינגעפֿאַלען אין גרוב וועלכע ער האָט געגראָבען פֿאַר אַנדערע. אמת, קנאה איז ניט קיין שׂענע מדה. אונזער תּורה האָט פֿיעל מאָל פֿערזאָגט אַז מען זאָל ניט נעמען קיין קנאה און זיך ניט פֿרעהען, ווען דער שׂונא פֿאַלט, דאָס לעבען אָבער האָט אין ערגיץ און קיינמאָל דערגרייכט צו אַזאַ הויכער מדה פֿון מוסר. נקמה איז פֿון לעבען ניט אויסגעראָט געוואָרען און געבליבען אַ טיעפֿעס געפֿיהל, וואָס גיט בעפֿרידיגונג און פֿערגניגען. דאָס אַלין האָט געמאַכט פורים צו אַ פֿרעהליכען פֿאָלקס יום טוב, די פֿרייד ווערט נאָך גרעסער דורך דעם וואָס אין דעם יום טוב פֿערבריינגט מען צוזאַמען מיט די פֿריינד און מען העלפֿט אָרימע מיט מעהר וואָרימקייט און מיטגעפֿיהל ווי אַלע מאָל.

אין פורים ליגט אָבער נאָך אַ גרעסערער געדאַנק ווי די פֿרייד פֿון אַ צופֿעליגען גליק, פֿון אַ גרויסען געווינש פֿון דער בלינדער לאָטעריע,

אַ צעהנדלינג המן־טעשליך — קוקט,
וויי בליהען ווי די רויזען, —
אַ מנין „תּלמוד־תּורה־ניקעס"
אין שטיוועל און אין הויזען!...

* * *

און אָט—ווער וויל? אַ וועלטעניש!
שרייט העבער, יודען, העבער!
אַ „תּלמוד־תּורה" מיט אַ דאך!
און מיט אַ דאך אָהן לעבער!?!...

אָט איז אַ פלאָדענדיל—אַי, אַי!
דער בעסטער און דער שענסטער,—
אַ וואונדער־פּאַלאַץ, אַ דוואָרעץ:
אַ „הקדש" און מיט פענסטער!!!...

אָט איז פון מאַנדלען און פון ניס
אַ „שול" געמאַכט, — אַ חיות:
חאָטש צאָהל אַ רענדיל פאַר אַ פאַטש
אַ יודען פאַר עליות!?!...

אָט איז אַ „באָד" אַ קונציגע, —
אַ גרויסע און אַ ריינע:
אין מקוה אויף די טרעפּ ניטאָ
אַ וושאַבע חאָטש־בּי איינע!?!...

* * *

אָט איז אַ מענשעלע געמאַכט,
וואָס איז ער? איז די שאלה, —
אַ גולם, נאָר אַ פּשוטער,
נאָר ער האָט אַ מעלה:

ער קריכט ניט ווערען וואו ניט איז
אַ היינטיגער „ראַבּינער",
וואָס ווייסט אויף לשון־קודש נור
אַ „שקל" און אַ „דינר"....

אָט איז אַ „אַנטיציוניסט", —
פון צוקער אויסגעזאָסען, =
אַ „קאָן נער" דוקא און—איהר הערט?—
ער שרייבט ניט קיין דאַנאָסען!?!...

*

* *

און נאָך פיגורען האָב איך — אַלץ
אַרויסגעהאָפּט פון לעבען,
אויסגעזאָסען, אויסגעטאַקט
נאָר ניט נאַריש, חלעבען;

ווי ערגיץ קויפען קען מען ניט
חאָטש פאָהרט אויף צעהן יאַרידען;

ווי ברענגט דער יודישער פּאָעט
אייך שלח־מנות, יודען!...

נעמט כ׳בעט אייך, נעמט, איך שענק זיי
אייך,
אָט די פיגורען מיינע.
און ווייסט איהר, וואָס איך וויל פאַר זיי?
אַ נאַרישקייט, — דהיינו:

אַז ווען איך וועל איה״ש
אויף פורים קומען ווידער,
זאָל איך זיי לעבעדיגע שוין
ביי אייך דערזעהען, ברידער!...

קיין אסתר׳ס האָבען מיר שוין ניט
און מרדכי׳ס היינט בעגעהרען
נור צו בעקומען אַ „מונדיר"
און „אַחשתּרנים" ווערען...

בכן איז מוזען מיר אַליין
זיך העלפען זיין צופריעדען....
אַ פורים אייך אַ פרעהליכען!
אַ גוטען יום־טוב, יודען!....

ס׳פּעטערסבורג. ש. פרוג.

---

בארעמען אויף איהרע יונגע יאָהרען און זי פון דער וועלט נישט אומברענגען". און ביי דער זייט שטעהט המן הרשע (יאָסקע דער בעהעלפער) מיט אַ שאַבען אויפ׳ן קאָפּ, און בשעת ושתי ליגט אויף דער ערד און וויינט פאַר׳ן קעניג אחשורש נעמט המן און ווייזט מאַנדרישען אַ קולאַק און מאַנדריש שטעלט איהם אַרויס אַ צונג און צווישען חברה ווערד דערווייל אַ געלעכטער; ער ווייסט נישט, דער רשע־מרושע אַז אָט באלד האָט ער די מפּלה, אָט באלד וועט דער קעניג אחשורש אַרויסגעבען אַ בעפעהל: „מע זאָל דעם מערדער, דעם גזלן, דעם רוצח אויף אַ הויכען בוים אויפהענגען און מאַנדרישען דעם יודען זאָל מען פאַר שני למלך טהון מאַכען". אך, ווי זיס איז די נקמה! ווי גרויס בין איך ביי זיך אין די אויגען מיט מיין יודישען שני למלך! ווי שטאַרק טהוט מיר באַנק, וואָס די שפּיעל ענדיגט זיך און די חברה פורים־שפּיעלער נעמען צענויף די עטליכע גראָשענס און איך געזעגען זיך אָב מיט זיי אויף אַ גאַנץ יאָהר!

נאָר מעהר פון אַלץ טהוט מיר באַנג דער מנהג פון „משלוח מנות" און „מתנות לאביונים" — מתנות פאַר די אָרימע לייט.

האַלב וואָכענדיג, האַלב יום־טובידיג, מיט אַ זיידענע פּעטשיילע און מיט אַ פאַרטוך שטעהט די מאַמע ביים טיש שטאַרק צעטראָגען, עפּיס אַ ווערטעלע אויסצורעדען כמעט אַ מאה שלח־מנות׳ן אָפּנעמען און כמעט אַ מאה שלח־מנות׳ן אָפּשיקען, קיינעם נישט אָנזעצען, חלילה קיין טעות נישט האָבען, געדענקען ווער וואָס פאַר אַ שלח־מנות מע באַדאַרף אָבשיקען, צום בייספּיעל: אַז יענער שיקט 1 פלעדיל, 2 קישעליך, 1 מאָהינדיל, 2 שטיקליך טאָרט, 1 האָניג טייגיל מיט 2 צוקערלעקעכליך, באַדאַרף מען איהם אָפּשיקען, געוויינטליך, 2 פלעדליך, 1 קישעלע, 2 מאָהינדליך. 1 שטיקעל טאָרט, 2 האָניגטייגליך מיט 3 צוקערלעקעכליך. מע באַדאַרף האָבען אַ קאָפּ פון אַ מיניסטער, חלילה נישט אָנמאַכען אַחתונה, ווי עס האָט זיך אַ מאָל שוין געטראָפען ביי אונז אַזאַ ניאומגליק, דאָס הייסט מע האָט געשיקט איינער אַ נדבה צוריק איהר אייגענעם שלח־מנות, האָט זיך דאָס געטהון, עס איז אַרויס אַ מחלוקת צווישען די מאַנען, מיט סקאַנדאַלען, מיט פּעטש, מיט מסירות, מיט רדיפות, ווי געוויינטליך... היינט די מענשען וואָס ברענגען דעם שלח־מנות באַדאַרף מען אויך עפּיס שענקען, ווען אַ קאָפּיקע און ווען צוויי און ווען נאָך מעהר פון צוויי.. נאָר אָט עפענט זיך די טהיר און עס קומט אַריין אַ מיידיל מיט שטאַרק רויטע האָר און מיט אַ סך קלייען אויפ׳ן פנים — דאָס איז מיין רבנ׳ס אַ מיידיל, זי געהט אַרויס פון איין בעל הבית צום אַנדערען און נעמט צענויף די שלח־מנות׳ען פאַר׳ן רבין זי טראָגט אין האַנד אַ שעלעכען איבערגעדעקט מיט אַ טישטיכיל אינ׳ם לעשיכיל שטעקט אַראָזינקע און אויף דער ראָזינקע ליגט אַ זילבערנע מטבע. די מאַמע דעקט אויף דאָס טישטעכיל און לייגט צו צו יענער מטבע נאָך אַ מטבע, און אויך דעם מיידיל רוקט זי אַריין עפּיס אין האַנד אַריין, דאָס רויטע מיידיל ווערד נאָך רויטער און וווּנשעוועט ווי איין אַלטע: „דערלעבט איבער אַ יאָהר מיט אייער מאַן און מיט אייערע קינדער".. נאָך דעם רויטען מיידיל קומט אַריין אַ געשוואָלען בחורי׳ל מיט אין אויפגעטראָגענער באַק אונטערגעבונדען מיט אַ בלויער פּעטשיילע, איין אויג אַ קליינס, דאָס אַנדערע אַ ביסעל גרעסער; אין האַנד האַלט ער אַ מעשען טעציל אויף דעם טעציל ליגט אַ פלעדיל, אויפ׳ן פלעדיל איז אויסגעצוויקעלט אַ פּישעלע, דאָס פּישעלע איז אָנגעפּולט מיט האָניגפאַרפעל און ביי דער זייט ליגען עטליכע זילבערנע מטבעות און אַ פּאָר קערבליך פּאַפּירענע. דאָס געשוואָלענע בחיר׳ל געהט צו גלייך צו דער מאַמע און שיסט אויס אין איין אָטהעם, ווי אויסגעלערענט אויף אויסוויניג: „אַ גוט יום טוב דער רב האָט אייך געשיקט שלח מנות און דערלעבט איבער אַ יאָהר מיט אייער מאַן און מיט אייערע קינדער".. דאָס געשוואָלענע בחיר׳ל נעמט אָן זיין רח״ש און געהט אַוועק אָהן אַ זייט געזוגד, ווארום די ווינשעוואַניע האָט ער על פּי טעות אויסגעחאַפּט פריהער, און עס קומען אָן אַלע מאָל נייע פאַרשוינען מיט נייע שלחמנות׳ען: פונ׳ם דיין, פונ׳ם חזן, פון די שוחטים, פונ׳ם סופר, פונ׳ם תּלמוד־תּורה מלמד, פונ׳ם בעל תּקיעה, פונ׳ם בעל־מגיהה, פונ׳ם מנקר, פונ׳ם וואַסערפיהרער, פונ׳ם בעדער (אויך מיר כלי קודש!), און נאָך די דאָזיגע אַלע קומט צו געהן וועלוועל דער שמש אַליין, נעביך אַ קראַנקער, אַ הייזעריגער, אַ יאַדעשליוועך; ער בלייבט שטעהן אַ ווייַלע ביי דער טיהר, חאַפּט זיך ביים האַרצען און פאַרהיסט זיך.

— וואָס וועט איהר עפּיס זאָגען גוטס? פרעגט איהם די מאַמע שוין רעכט מיעד פון דער אַ־בייט.

— מע האָט אייך געשיקט שלח־מנות — מאַכט וועלוועל און בעווייזט אַלעקעכיל אין האַנד. — דערלעבט איבער אַ יאָהר מיט אייער...

קעהרט! און געה ווייס אויפֿן כף הקלע, וויע׳ר המן, וויער אחשורוש און ווער, להבדיל, מרדכי איז?

איין אויסגעמישטע וועלט... ווי גלעזערנע פעריל אין קאלעידאָסקאָפּ, מישען זיך איבער די פֿערשיעדען־פֿארביגע, פֿערשיעדען־פֿאָרמיגע אידעען; די ליניען ברעכען זיך, די רעדער וויקלען און פלאָנטען זיך און געה ווייס וואס גוט און וואָס שלעכט איז...

נאר, איך בעט אייך, שלאָפֿט נישט איין... איך ענדיג שוין די הקדמה... נעמט דערווייל אַ ביסל בראָנפֿען...

---

נאָר, אייגענטליך, וואָס דערצעהלט מען אייך? איך פלעג אייך דערצעהלען וויינענדיגס, האַרצרייסענדיגס און איהר האָט געלאַכט; מיך האָט אַ וואָרם אין מח געביסען, מיך האָט אין האַרץ געריסען דער טייוועל מיט אַלע זיינע משרתים, און איהר פֿלעגט פלאַצען פֿאַר געלעכטער.

זאָל איך ווייטער פריווען?

---

איך קוק ארויס דורך דעם פענסטער און זעה גאנצע לאָנקעס, בעוואַקסען מיט בלומען און דערנער. די בלומען זענען די גוטע, האַרצלאַכענדיגע מעשה׳ליך, און די דערנער זענען מעשה׳ליך, וואָס שטעכען און ברענען!

וואָס זאָל איך אויסרייסען פֿאַר אייך? אַ בלימיל? געוויס! ווי הייסט עס אינ׳ם בעקאנטען ליעד?—

„דער רבי האָט געהייסען לוסטיג זיין, לוסטיג זיין!"

איך שטרעק אויס די האַנד, נאר צו וועל איך טרעפֿען? עס איז דאָך פורים, אַ ביסל האָב איך געטרונקען, עס איז נישט זיכער דאָס אויג, די האַנד איז נישט פֿעסט,— איך זאָל נור קיין טעות נישט האבען...

---

2

איך שטרעק אויס די האַנד, די לאַנגע האַנד פֿון אַ פורים־רב אין דער פורים־וועלט אריין, און טרעף קיין חינא און רייס אויס אַ בלימעלע — אַמעשה׳לע.

הערט!

אַ מאָל ס׳איז געוועזען אַ חינעזישעד חכם; ער האָט דורכגעמאַכט אַלע עקזאמענס, דורכגעלעזען און אויסווענדיג געקענט אלע ספרים, געדרוקטע און געשריבענע, הייליגע און „וואָכענדיגע", מיט איין וואָרט — אַליך, וואָס אַ הינעזער האָט אַ מאָל אַריינגענאַרט אין אַ טריקען חינעזיש וואָרט אריין און פֿערקלאפט און פערהאַמערט אויף טויט! ער האָט נור געדאַרפֿט עפֿענען דאָס מויל, עס זאָלען זיך אַרויס קאָלערן גאַנצע מגלות, גאַנצע ספרים; מיט׳ן שער, מיט׳ן „תם ונשלם", מיט אַלע ציטאטען און אַלע בעמערקונגען פֿון בחור הזעצער, וואָס זענען נאָך אין הינא אין דער מאָדע, ווי ביי אונז מיט אַ יאָהר פֿופֿציג צוריק...

הערען האָט ער שוין נישט געקענט, עס איז שוין פֿאַר איהם קיין נייעס נישט געוועזען; זעהן האָט ער שוין נישט נעהאַט וואָס — אין הינא זענען זיך „מארגען", „נעכטען" און „היינט" עהנליך ווי צווילינגסברידער.— האָט ער זיך טאקי געלעגט שלאָפֿען! ער האָט זיך מיט׳ן גרויס געלעהרטען מונדיר, ווי דער שטייגער איז אין הינא, געוואָרפֿען אין בעט אריין, גענומען די שלאַפֿמיץ איבער די אויערען און אויגען און — שלאָפֿט...

פֿון צייט צו צייט שנאָרכט ער. עס טרעפֿט, אַז ער רעדט חכמות פֿון שלאָף, נאָר עטליכע מאָל אין טאָג עפֿענט ער דאָס מויל, מען זאָל איהם אריין־שיטען עטליכע קערנדליך רייז, אריינגיסען עטליכע טראָפּען זופּ פֿון פֿייגעל־נעסט... און עפֿענט אַפילו דערביי די אויגען גישט אויף...

ער איז אַזוי געשלאָפֿען אַ יאָהר, צוויי צי דריי און אפשר הונדערט יאָהר... אין אַ לאַנד, וואָס האָט אַ געשיכטע פֿון הונדערט טויזענדער יאָהרען איז אַ יאָהר און הונדערט יאָהר כמעט אַלץ איינס... נאד פלוצים איז ער, ווי אַ געביסענער, ארויסגעשפרונגען פֿון בעט.

אַ צוועלף־פֿונטיגע יאפאָנישע האַרמאַט האט איהם אויפֿגעוועקט...

אין דער צייט, וואָס דער חינעזישער געלערנטער איז געשלאָפֿען, האט יאפּאניען ש ט ו ד י ע ר ט,! עס איז געגאַנגען צו דער קלוגער מאדאַם אייראפא אין שולע אריין און — האָט זיך אויסגעלערנט — שיעסען!

און עס שיעסט... פיף־פאָף־טראך! פיף פאָף־טראך!

דאָס האָט ער נישט פֿאָרגעזעהן; דאָס האָבען איהם הייליגע און וואָכעדיגע ספרים פריהער נישט געזאָגט און קיינער האָט עס איהם, ביי דער גאַנצער צייט, וואָס ער איז געשלאָפֿען, אין חלום נישט ענטפלעקט...

ער רייסט אראָב די שלאפֿמיץ: בים־באָם־טראַך; די הארמאטען קלינגען נאָך העכער, נאָך שרעקליכער! ער קוקט זיך אום — אין שטוב איז קיין נפש נישט־דאָ... דאָס הויזגעזינד מיט דער גאַנצער דינערשאַפֿט זענען ענטלאָפֿען ווי פֿון אַ שרפה און אן דעם שענסטען, אן בעסטען, אן גרויסגעלערנטען — גאָר פֿערגעסען... ער לויפֿט צו צום פֿענסטער, קוקט אין גאַס אריין! זאָל גאָט שומר ומציל זיין! צי איז ער שכור? צי איז ערד־ציטערניש? הייזער, שטאַרקע, פֿעסטע הייזער און פאלאצען, וואָס מען האָט געבויט אויף אייביג,— אויף חינעזיש אייביג — הוידען זיך, וויעגען, ציטערן, פלאצען און פֿאַלען...

ער פֿאַלט אום פֿאָר שרעק... ער ליעגט און קלערט, אפֿשר דאָס ערשטע מאָל אין זיין לעבען... וואָרום זייט ער לעבט, האָבען איהם קאָנפֿוציוס מיט זיינע מְפָרְשִים געגעבען יעדע רפֿואָה פֿ אַ ר דער מכה, יעדע אַנטוואָרט פֿאַר דער פֿראַגע, מען האָט נור געדאַרפֿט אַריין קוקען און זעהען, און וויסען! ערשט היינט קלערט ער, היינט, ווען די יאפאנער באָמבארדיערען דאָס האַרץ פֿון חינא!

— גאָט, גאָט!,— וויינען די אַלטע אויגען פֿערצווייפֿעלט, — אַ נייע חכמה אַ שיס־הכמה... ווי קען מען רעטען זיך און גאַנץ חינא צוזאַמען!

נאר לאַנג קלערען איז דעם געלעהרטענס מֹחַ נישט אימשטאַנד און דער חינעזישער חכם בלייבט ליגען אויף דער ערד פֿערחַלֶשט, פֿערשמאַכט...

---

ער ליגט, און איך זעה, אז דאס מעשה׳לע געפעלט אייך נישט!.. ווי הייסט, היינטיגע צייטען און אַ מעשה׳לע פֿון דער פֿרעמד, נישט פֿוּן א ו נ ז ע ר וועלט!.. וואַרט, בייסט ווייטער, עס וועט זיין אַ יוד אויך!

איהר הערט ווי עס קלינגט:

— האנדעל! האנדעל!

פרנסה דארף דאָס יודעלע. זאל זיין אייראפא, זאל זיין חינא, זאל זיין וואו עס איז; אַ וועלטשטאָדט אָדער אַ קרעה־ווינקעל: האנדעל! האנדעל! אונטער דונער און בליץ, אונטער יאפאנישע קוילען, זאָל זיין דערביי ערד־ציטערניש — האנדעל־האנדעל! מען מוז עסען און הדר־געלד צאָהלען!

אלט־ווארג קויפֿט אַ יוד, דאָס וואָס אלע וואַרפֿען שוין אויפ׳ן מיסט אַרויס, דאָס וואָס מען מאוסט זיך שוין אין האַנד אַריין צו נעמען; דאָס פֿערשמוצטע, צעריסענע, צופֿליקטע, דאָס קויפֿט ערשט אַ יוד און פֿערקויפֿט! אבי געהאַנדעלט! נאר אין חינא, וואו דאס אַלט ווארג איז אזוי הייליג, שטעהט דאָס געשעפֿט נישט גוט; מען פֿערקויפֿט זעלטען, פֿאַר פקוח־נפש, אבער ווייטער נישט! אייניקליך טראָגען דאָס, וואָס די באַבע און דער זיידע האָבען שוין בירושה בעקומען; זעלטען עס טרעפֿט זיך אַ שטיקיל סחורה! נאר דער יוד טהוט זיך זיין׳ס און פֿערלאָזט זיך רעשט אויף דעם, וואָס שפייזט דעם וואָרם אויפ׳ן פֿעלד מיט׳ן האָז אין וואַלד און שרייט אין אַלע גאַסען:

— האנדעל! האנדעל;

און דער הייזעריג, דין אויסגעפּיפּענער „האַנדעל", שנײדט זיך דורך דורך די גראָבע באסען פֿון די 12־פֿונט־גע האַרמאטען און פֿערדרעהט זיך ביז צום אויער פֿון פֿערחליש'טען חינעזיישען חכם.

ער שפּרינגט אויף: אַ יוד רופֿט! אַ יוד איז דאָ! אַ יוד, וואָס איז נישט קיין פֿראַנצויזישער, דייטשער, יאַפּאַנישער אָדער הינעזישער חכם נאר אַ וועלט־חכם! אַ יוד וואָס האָט שוין פֿון יעדען אויבען ברויט געגעסען און איז אויף יעדע באַנק געשמיסען געוואָרען... דער וועט איין עצה געבען, מיט אַלעם האַנדעלט ער, אַלץ ווייסט ער!

— יוד! שרייט דער הינעזער, צושפּרינגענדיג צום פֿענסטער פֿון שטוב.

איך בין דאָ, הינעזיישער חכם! ענטפֿערט דער יוד, צושפּרינגענדיג צום פֿענסטער פֿון דער צווייטער זייט, פֿון גאַס; און ווען נישט די שויב אין דער מיט, וואָלטען זיך וועניגסטען ביידעמ'ס נעז געקושט!

האסט אלט־וואַרג? פֿרעגט דער יוד.

— אַסך, אַסך...

— וועסט פֿערקויפֿען...

— ניין, נישט פֿערקויפֿען, נישט פֿאַר געלד, חלילה! נישט אַוועק געבען, אויסטוישען...

— אויף אַנדער אַלט־וואַרג? (טויש איז אויך אַ מסחר, טראַכט דער יוד).

— ניין, נור אויף אַ חכמה! אויף אַ חכמה, פֿון וועלכער די יאַפּאַנישע תלמידים און אייראָפּעאישע מלמדים ווייסען נישט... חינא מוז מען רעטען... מיט חכמה רעטען.

— חכמה אויפ'ן לאַגער, — ענטפֿערט דער יוד, — האָב איך נישט.

— נאר וואו בעקומט מען זי? וואו? — שרייט דער חינעזער.

— דעם אַדרעס ווייס איך! (מעקלעריי טראַכט דער יוד, איז אויך אַ געשעפֿט!)

— זאָג!

אין וואָס וועל איך בעקומען דערפֿאַר?

— וואָס דו ווילסט, מיין גאַנ'ץ אַלט־וואַרג...

— מאַכסט חוזק?

— אַ וואָרט אַ מאַן, אַ הינעזיש וואָרט!

נאר דער יוד גלויבט נישט אויפֿן וואָרט. פֿריהער וויל ער דאָס אַלט־וואַרג, דערנאָך ערשט וועט ער געבען דעם אַדרעס.

— און ווענסט מיך נישט נאַרען? האָט ווייטער דער הינעזער מורא.

— איך שווער ביי גאָט!

— וועניג...

— ביי דער תורה!

— עט!

— ביים פֿאָלק ישראל!

דער הינעזער פֿערקרימט זיך,

— ביי באָרד און פאות!

די שבועה נעמט אָן דער הינעזער פֿאַר וויכטיג און — דער יוד איז שוין אין שטוב, דער זאק זיינער איז שוין אָפֿען און דאָס כלי־בית מיטן ביסיל קליידער, וואָס די הויז לייט און דינער־שאַפֿט האָבען איבער־געלאָזט זענען שוין פֿערשוואונדען אין זאק.

— אַצונד זאָג! — שרייט דער הינעזער.

— נאָך נישט, ענטפֿערט דער יוד, ער וויל נאָך די שלאָפֿמיץ, זי איז אַלט! ער וויל נאָך דעם מונדיר פֿון לייב, ער איז נאָך עלטער! ער איז מיט עטליכע הרות עלטער פֿאַר דעם שלאָפֿמיץ... נאָכ'ן אויסטהון דעם מונדיר בעווייזט זיך ערשט, אז די וועש פֿון לייב איז אויך אַלט־וואַרג! ער איז אַזוי לאַנג געשלאָפֿען און די וועש נישט געטוישט!.. און דער הינעזער גיט אַ וועק די שלאָפֿמיץ, טהוט אויס דעם מונדיר, די וועש קריעכט איהם אַליין אַראָב פֿון לייב...

— שוין? פֿרעגט ער נאַקיט און פֿערצווייפֿעלט

— נאָך נישט,—ענטפֿערט קאַלט־בלוטיג דער יוד,—דער צאָפּ דיינער איז אויך מיין! ער איז אַזוי אַלט ווי גאַנ'ץ חינא!..

דער הינעזער לאָזט זיך פֿערצווייפֿעלט אָבשניידען דעם צאָפּ און דער פֿערשווינדט אויך אין יודיישען זאַק...

— אַצונד וועל איך דיר געבען דעם אַדרעס, מאַכט דער יוד, נאר געדענק, אַז איך בין דיר נור ערב פֿאַר דעם אדרעס, אַז דאָרט וואו איך וועל דיר אָנווייזען, איז דאָ די סחורה, וואָס דו דאַרפֿסט! נאר איך בין נישט מחויב צו ווייזען דיר דעם וועג צו דעם אָרט, און בין נישט ערב דערפֿאַר, אַז מען וועט די סחורה געבען!

— גוט, נור אהער דעם אדרעס?

— אין גן עדן, אויפ'ן עץ הדעת! ענפֿערט דער יוד און שפּרינגט אין איין איילעניש אַרויס דורכ'ן פֿענסטער.

דער הינעזער איז געפֿאַלען חלשות... דער וועג אין גן עדן, געפֿינט זיך אין אלע הייליגע ספרים, די מלאכים, וואָס היטען דעם גן עדן, וואָלטען זיך אפשר געלאָזט איבערקויפֿען, נאר ווי קומט מען אין גן עדן אַריין אָהן אַ צאָפּ?

---

בכאן, ברידערליך, לאַכט מען! איז אייך וועניג, נעמט נאָך אַ טרינק בראָנפֿען... איז לעער די פֿלאַש, שיקט אין מאנאפאל... אויב איהר ווילט וועל איך אייך דערצעהלען נאָך אַ מעשה, אפֿשר וועט זי בעסער געראָטען, און וועניגסטענס, וועט איהר געוואָר ווערען, וואָס עס ווערט פֿון אַלט־וואַרג.

---

3

און די מעשה האָט זיך מיר אליין געטראָפֿען... נישט אין חינא נאר אין ווארשוי!, געשטאַנען בין איך ביי דער ברודיגער ווייקסעל, וואו עס וואַקסען די בערגער מיסט, וואָס די קלוגע און פֿיין־געלערנטע שטאָדט וואַרפֿט פֿון זיך אַרויס, און וואו די אַלטע, אויסגעדיענטע וויי־בער קלייבען אַלט־וואַרג: שטיקליך אייזען, קופּער, נישט דורכגעברענטע קוילען צווישען ארויס געוואָרפֿען אַש פֿון פֿאבריק ווי אויך אַלערליי שמאַטעס.

עס איז אונטערגעגאַנגען די זון, און דער שוואַרץ־גראהער ברעג, די קויטיג געלע ווייקסעל מיט'ן בלאנע־בלאָה־פֿערוויינטען הימעל האָבען זיך צוזאמענגעגאָסען אויף אַ וואונדערליך חלשות'דיגען פֿאָן, אויף וועלכען עס האָבען זיך ארומגעדרעהט איינגעבויגענע, ביינערדיגע ווייבער־שדים און געגראָבען אינ'ם מיסט מיט שטיקליך אייזען, מאנכע מיט די בלויסע פֿינגער.

פֿאַר יעדען ווייברישען שד איז געלעגען איין אָפֿענער זאַק, וואו, דאָס אַלט־וואַרג איז פֿערשוואונדען געוואָרען...

עס פֿאַלט צו די נאַכט; איין שד נאָכ'ן צווייטען נעמט דעם זאַק אויף די אַקסעל און געהט אין דער בעלייכטער שטאָדט אַריין, נאר איינע בלייבט, איינע די מאוס'טע, די שרעקליכסטע... עס שווימט אַרויס אַ פֿערגעלטע לבנה, עס צינדען זיך אָן צוויי שורות ליכט וואָס קוקען מיט ציטערניש אין דער ווייקסעל אַריין - און זי שטעהט, און קלויבט, און קלויבט... און איך בעמערק ערשט, אַז זי קלויבט נישט ווי אַלע פֿרויען; אז נישט אַליץ, וואָס עס קומט איהר אין דער האנד אַריין, לעגט זי אין זאַק... זי קלויבט קיין מעטאל, קיין קוילען, נאר שטיקליך שמאַטעס, שטיקליך קאַליערטע שמאַטעס...

איך נעה צו און פֿרעג:

— אַלט־וויב, וואָס זאָלען דיר די קאַליערטע שמאַטעס?

אַז דו וועסט זוכה זיין, ווענסט דו זעהן! ענטפֿערט זי מיט אַ וואונדערליך האַרטער, שטים און די אַלטע פֿערטריפֿטע אויגען בעווייזט זיך ווי אַ בליין פֿון צאָרן און חוזק צוזאַמען.

זי האָט געענדיגט; פֿערבינדט דעם זאַק און וואַרפֿט איהם אַרויף אויף די פלייצעס.

— וואו אַהין געהסט דו, אַלטע?

— אַז די ווענסט זוכה זיין, ענטפערט זי, ווענסט די זעהן.

איך געה איהר נאָך... נאָך וואָס ? גאַנץ איינפאַך, ווייל איך האָב דעמאלט נישט געהאַט ערגיין אַנדערש וואו צו געהן...

איך געה איהר נאָך און פּלוצים ענדערט זיך אַליץ ארום... אויס וואַרשוי, אויס ווייקסעל — אַ זאַמד, אַ זאַמד אָהן אַ קאָליער, א מִדְבָּר און איבער דער מדבר — אַ וויסטער הימעל, אָהן לבנה, אָהן שטערן, און פאַר מיר געהט מיט קליינע טריט דער אלטער ווייבערישער שֵׁדי מיט׳ן שוואַרצליכען זאַק אויף די אַקסעל... שטיל, איך הער מיינע אייגענע טריט נישט אין זאַמד, נאָר צייטענווייז דאַכט זיך מיר, אז דער ווייבערישער שד קוקט אויף מיר פון הינטען, אז זי לאַכט שטיל, שטיל פון צווישען די בלאָגע־בלאהע, פערברענטע ליפען, פון אָפּענעם מויל אָהן צייהן !

איך געה איהר נאָך, איך געה אין פיהל מיך זעהר שלעכט; מיר דאַכט זיך, אז איך געה נישט, נאָר זי שלעפט מיך ! זי ציהט מיך, האָטש איך זעה נישט דעם שטריק...

פלוצלינג ווערט מיר די אַלטע כשוף־מאַכערין פערשוואונדען, אין דער ערד פערפאַלען... וואָס איז ? איך מאַך עטליכע טריט ווייטער און בעמערק אַ הייל, אין וועלכער זי האָט זיך אַראָב געלאָזט.

פאַר אין ברירה, ווייל אַליין בלייבען אין דער גראָה־וויסטער מדבר קען איך נישט, שפרינג איך נאָך איהר אין דער הייל אַריין.

אין הייל איז פינסטער, און שרעקליך לייכט אין דער פינסטערניש דער אלטערס געזיכט. עס לייכט געל און אינ׳ם געלען, ליכטיגען פלעק ציטערן אַרום עטליכע העלערע שטראַהלען, וואָס פליעסען איהר פון די אַלטע אויגען אַרויס... ביי די שטראַהלען זעה איך, וואָס זי טהוט: זי וואַשט די שמאַטעס, וואָס זי האָט צוזאַמען געקליבען אויפ׳ן מיסט אין צוויי עהמער — איך קיק מיך צו און זעה, אז איין עהמער איז פול מיט אַ רויטער און דער צווייטער מיט אַ דורכזיכטיגער פליסיגקייט...

— נאָך וואָס וואַשט דו די שמאַטעס ? פרעג איך.

— וועסט זוכה זיין, וועסט די זעהן ! ענפערט די אַלטע.

— וואָס האָסט דו אין ד ע ם עהמער ? וויז איך אויפ׳ן עהמער מיט דער דורכזיכטיגער פליסיגקייט.

— טרעהרען,— ענפערט די אַלטע,— טרעהרען פון דיינס גלייכען, מענשליכע טרעהרען ! טרעהרען געפאַלענע, טרעהרען געגאָסענע, טרעהרען פערשלונגענע, דערשטיקטע און דערוואָרגענע...

— אַלע טרעהרען ?

— אָה — ניין ! עס וואָלטען יָמִים געוועזען... דאָס זענען נור ריינע טרעהרען, גאַר ריינע טרעהרען... טרעהרען פאַר אָרימע לייט, טרעהרען אויף גָלוּת הַשְׁכִינָה טרעהרען אויף אַלעם, וואָס איז לעבעדיגערהייט פערשטאַרט, פערגליווערט און שטומפיג געוואָרען...

— און אינ׳ם צווייטען ?

— בלוט... רויט, ריין מענשען בלוט... מענשען בלוט, פערגאָסען פאַר דער צייט, פערגאָסען אומזיסט... אַזאַ בלוט, וואָס די ערד וויל נאָך נישט צונעמען, ווייל זי קען נאָך דערפון נישט פרוכטבאַר ווערען !... ריין בלוט, היילִיג בלוט, יונג בלוט...

אונ אין דעם אַלעם וואַשט דו ?...

— די אַלטע שמאַטעס, ווי דו זעהסט !...

און אַליץ ענדערט זיך אין מיינע אויגען... די שמאַטעס, געוואַשען אין טרעהרען און אין בלוט, ווערען וואָס אַ רגע ריינער, בלאַנקענדיגער, ליכטיגער... ליכטיגער ווערט אין דער הייל... ליכטיגער און יונגער דער אַלטערס פָּנִים... עס איז שוין נישט אַזוי שאַרף־ביינעריג ווי פריהער... די רויטקייט אַרום די אויגען פערשווינדט, אויפ׳ן פנים בעווייזט זיך אַ לייטזעליגער שמייכעל און צושפּרייט זיך פון אויער צו אויער, און די אויגען אַליין, די אַלטע אויגען הויבען אָן לייכטען מיט אַ ווייך־סאַמיטענעם בליק...

און וואָס ריינער עס ווערען די שמאַטעס, העלער ווערט אין דער הייל; ליכטיגער דאָס פנים, ווייכער און שטראַהלענדיגער די אויגען און יונגער ווערט אין גאַנצען, יונגער און שלאַנקער — פון קערפּער פאַלען אַראָב די אלטע שמאַטעס... עס בעווייזט זיך די געטליכע שעהנהייט אָהן איין איינהיל.

— גאָט ! שריי איך אויס, ווער ביסט דו ?

— אַז די וועסט זוכה זיין, וועסט די וויסען...

געענדיגט די וועש... די אַלטע שמאַטעס זענען אין גאַנצען ריין, זיי שיינען, בלאָנקען און לייכטען מיט טויזענדער קאָליערען... און די געוועזענע מכשפה איז יונג, יונג... גלייך זי געהט ערשט אַ קענגען דעם יונגען — זאַפטיגען לעבען...

און די יונגע געטליכע שעהנהייט נעמט די קאָליערטע שטיקליך און מאַכט פון זיי מיט דער הילף פון קליינע הערצליך גאָר קונציגע, פיינע פעהנדליך... צעהן, צוואַנציג, פערציג קליינע פעהנדליך און זי אָרבייט ווייטער און ווייטער... אָט, האָט זי שוין אַ גאַנצע בונט פעהנדליך אין דער האַנד און געהט מיט זיי אַרויס פון דער הייל, איך נאָך איהר... און נעהען געה איך שוין נישט ווי פריהער, ווי אַ קאַלב צו דער שחיטה, ווי געצויגען אויף אַ שטריק; אַצינד געה איך, ווי מען געהט אין אַ מדבר נאָך אַ ליכטיגער זייל; ווי מען געהט נאָך אַ גאָלדענעם שטערן, ווי מען געהט נאָך אַ גליקליכען מזל...

און ווייטער אַ ניי בילד — דער זאַמדיגער סטעפּ ווערט וואָס אַ מאָל העלער, נאָר טונקעלע שאָטען וואַרפען און וויקלען זיך איבערן זאַמד אין אַלערליי וואונדערליכע, העסליכע געשטאַלטען ! איין אויסגעשטערנטער בלאָהער הימעל, נור אין דער הויך, צווישען הימעל און ערד, ציטערן, פלאַטערן און וואַרפען זיך מיליאַרדען דינע, שנייענע בלעטליך...

און די געטליכע שעהנהייט מיט די טויזענדער בינטליך פעהנדליך אין האַנד שטעהט און קוקט צום הימעל אַרויף...

— וואָס איז דאָרט אויבען,— פרעג איך,— צווישען הימעל און ערד ?

— דאָס זענען,— ענפערט זי,— נשמה׳ליך !

— פאַר וואָס פליהען זיי נישט אין הימעל אַריין ?

— ווייל גאָט שיקט זיי אַראָב אויף דער ערד ?

— פאַר וואָס דען פ אַ ל ע ן זיי נישט אראָב ?

— ווייל זיי ווילען נישט פאַלען... עס שרעקען זיי די שאָטען, וואָס קנייעלען און וואַלגערן זיך אויפ׳ן זאַמד, און וואַרטען אויף זיי...

— נאָך וואָס ?

— זיך מיט זיי צו פעראייניגען... אַ נשמה איז אַ ריינער שטראַהל פון הימעל און ערשט פון אַ שטראַהל מיט אַ שאָטען צוזאַמען, ווערט אַ מענש...

— זיי וועלען נישט אַראָב ?

— זיי מוזען...

און אין איהרע אויגען בעווייזט זיך אַ שטאַהלערנער בליק... רעדענדיג, וואַרפט זי אין דער הויך אַרויף אַ פעהנדיל... דאָס פעהנדיל פליהט אַרויף און איינע, אַ נשמה׳לע האַפט עס און שיעסט שוין דערמיט אַראָב צו דער ערד... זי וואַרפט אַ צווייט, אַ דריט פעהנדיל און יעדעס ווערט אויפגעהאַפט, און וואָס מעהר פעהנדליך עס פליהען אַרויף מעהר נְשָׁמוֹת האַפען זיי אויף און שיעסען אַראָב צו דער ערד. און אַרום יעדע נשמה מיט אַ פעהנדיל, פליהען און שיעסען מיט איהר צוזאַמען אַראָב צעהנדלינגע אין הונדערטע נשמה׳ליך...

און יעדע נשמה׳לע וואָס קומט אַראָב ציהט אין זיך אַריין אַ שאָטען... און עס ווערט, וואָס אַמאָל וועניגער שניי בלעטליך אין דער הויך און וואָס אַמאָל וועניגער שאָטען אויף דער ערד... די נשמות מיט די פעהנדליך און די נשמה׳ליך, וואָס פליהען אַרום זיי, שלינגען איין יעדערע אַ שאָטען פון דער ערד און צופליהען זיך אויף אַלע זייטען פון דער וועלט אַלס פאַרטייען !

און ווייטער און ווייטער צופליהען זיך די פעהנדליך די נשמה׳ליך, די פאַרטייען...

און זי בלייבט מיט לערע הענד אונטער אַ ריין אויס געשטערנטען הימעל, אויפ׳ן געל־זאַמדיגען סטעפּ און איבער׳ן פיינעם מויל לעגט זיך

אַ פֿײַן דינער שמייכעל, אַ חוזק־שמייכעל, וואָס פֿערשפּרייט זיך איהר סעקונדען־וויז איבער'ן פּנים, און די אויגען בעווייזט זיך אַ בייזער בליק.

— ווער'זשע ביסט דו? פֿרעג איך דערשראָקען.

— דאָס לעבען! ענטפֿערט זי.

— וואָס טהוסט די?

— איך טרייב מיין טעגליך פּורים שפּיעל... ענפֿערט זי האַרט און פֿערשווינדט אין דער לופֿט מיט אַ „צום־ווידערזעהן פֿאַרנאַכט אויפ'ן מיסט!"...

---

אַזוי, אַזוי ליעבע פּורים לייט... דאָס לעבען פֿיהרט אויך אַ פּורים שפּיעל... דאָס לעבען איז איין אַלטע וועשין, זי וואַשט טעגליך איבער דאָס אַלט־וואַרג... דערפֿון מאַכען זיך נייע פֿעהנדליך, נייע פּאַרטייען... איין נשמה האַפּט אַ פֿעהנדיל, איין אויסגעוואַשען שטיקעל אין טרעהרען און בלוט, שלינגט דערנאָך איין אַ שאָטען און ווערט אַ רעדעל־פֿיהרער, אַנדערע האַפּען אַריין נור שאָטען און ווערען פּאַרטיי־לייט און דאָס פּורים שפּיעל דויערט אייביג, אייביג...

עס איזט איינע אַלטע געשיכטע,

און בלייבט דאָך אימּמער ניי...

מיינט נור נישט, שמאַטעס אַליין זענען אַלט־וואַרג, עס איז פֿאַראַנען אַלט־וואַרג פֿון שטיינער, אייביג אַלט־וואַרג, נישט איבערצוואַשען... עס העלפֿען קיין טרעהרען, קיין בלוט... הערט נאָך אַ מעשה! שוין די לעצטע!

---

אַ מאָל איז געוועזען אַ שטעדטיל, אַ וואונדערליך שטעדטיל, איין אָפּענס אָהן מויערען, אָהן טויערען... אַ ביסל קליינע ווייסע הייזליך צו־וואָרפֿען אויף אַ לאָנקע, וואָס האָט זיך געבאָדען אין דער זון און אַרויסגעגעבען דאָס פֿיינסטע גרינסטע גראָז מיט די שענסטע, האָטש געקינסטעלטע, בלומען...

יעדען פֿאַרנאַכט פֿלעגט דאָס יונג־וואַרג נאָך דער אַרבייט אַרויס נעהען אויף דער לאָנקע, אויפ'ן גרין־פֿערבלומטען מאַרק, צווישען די הייזליך, און זינגען, און טאַנצען, און פֿריי, און פֿרעהליך, און לוסטיג זיין.

די אַלטע פֿלעגען זיך זעצען אויף די גראָז־ביינק פֿאַר די הייזליך און צו־זעהען, ווי דאָס יונג־וואַרג לעבט, און אין זכרון נאָך אַמאָל איבער לעבען די יונגע יאָהרען...

אַזוי האָט זיך געפֿיהרט אַ צייט... וויפֿיעל יאָהר, צי וויפֿיעל הונדערטער יאָהר, ווייס מען נישט; ווייל עס איז אַ פֿערוואָרפֿען ווינקעל געוועזען, אַ ווינקעל אָהן אַ געשיכטע, מען האָט נור געאַרבייט און געפרעהט זיך, געאַרבייט און דערנאָך געזונגען און געטאַנצט, און עס איז גאָר נישט געוועזען וואָס צו פֿערשרייבען; עס איז אפילו אין גאַנצען שטעדטיל קיין קאַלענדאַר נישט געוועזען, און איך ווייס נישט, צי איימיץ האָט אַ זייגער געהאַט...

איינמאָל האָט זיך געטראָפֿען און אין דעם שטעדטיל איז געבוירען געוואָרען אַ געניע, אָדער ווי מען זאָגט היינט: אַ גאון! אַ מענש, וואָס האָט געהאַט מעהר פֿון אַלע אַ לויט האַר'ץ און אַ קווינט מֹחַ, און האָט איבער געמאַכט דאָס גאַנצע לעבען אין שטעדטיל...

ער האָט געזעהן, אַז מען גראָבט קאַרטאָפֿעל מיט דער האַנד, האָט ער ערפֿונדען אַ גראָב־אייזען... צום הילצערנעם אַלטען פלוג האָט ער צוגעמאַכט איין אייזערן שנייד־מעסער... עס איז שווער געוועזען אויסצולערנען די קינדער אלף־בית האָט ער ערפֿונען אַ נייע מעטאָדע אפילו צום טראַף! ער האָט אויך ערפונען נייע מאכלים, נייע זופען צו די אַלטע מאכלים און רעפאָרמירט אפילו די טענץ... צו דער פּאָעזיע האָט ער צוגעגעבען ריימען, צו דער מוזיק — דעם רעפֿרען... מיט איין וואָרט — ער האָט אַלץ פֿערבעסערט, פֿערפֿיינערט; דאָס לעבען שענער און לייכטער געמאַכט! נישט אומזיסט איז ער דאָך אַ גאון געוועזען...

און אַז דער גאון איז מיט דער צייט געשטאָרבען, האָט איהם דאָס דאַנקבאַרע שטעדטיל געוואָלט אַ גרויסע מצבה — אַ מאָנומענט הייסט עס -- שטעלען, אַ מאָנומענט אין מיט'ן גאַס, איין אייביג געדעכעניש... זאָלען אייביגע דורות וויסען, אַז דאָ איז אַ מאָל אַ גאון געוועזען, זאָלען טראָגעדיגע ווייבער פֿערקוקען זיך און האָבען גאונים! זאָלען די לעהרער און די עלטערן טייטען מיט די פֿינגער אויפ'ן מאָנומענט און זאָגען די שילער און די קינדער: זעהט, גאונים זאָלט איהר זיין, וועט מען אייך מאָנומענטען שטעלען!...

און הויך זאָל זיין דער מאָנומענט... זאָל די וועלט אַרום זעהען און נאָכפֿרעגען זיך אין וויסען...

און מען האָט געשטעלט...

מען האָט אויף אַ צייט מבטל געוועזען דאָס טאַנצען און זינגען יעדען פֿערנאַכט, און, נאָך דער אַרבייט אין פֿעלד און אין הויז, האָט, מען געאַרבייט ביים מאָנומענט...

און עס איז מיט דער צייט געוואָרען אַ מאָנומענט, וואָס האָט מיט'ן קאָפּ געררעדט שטאָלץ מיט די שטערן אין הימעל, און האָט אויף דער ערד פֿערנומען אַ גרויס שטיק פּלאַץ אויף אַ פּיעדעסטאַל...

און, אַז מען האָט'ן געענדיגט און געוואָלט צוריק איינפֿיהרען דעם מנהג פֿון זינגען און טאַנצען פֿאַרנאַכט, האָט מען ערשט בעמערקט, אַז מען קען שוין ניט פֿריי זיך ארומיאָגאן אויף אַלע זייטען, נאָר מען מוז טאַנצען אַ ראָד אַרום מאָנומענט...

די אַלטע ווייטער האָבען בעמערקט, אַז דער מאָנומענט פֿערשטעלט זיי פֿון דריי זייטען די זון, אַז נישט אויף אַלע גראָז ביינק קען מען זיצען, אַז פֿון מאנומענט לעגט זיך אַ שאָטען איבער דער שטאָדט...! און איז מען הינטער איהם, ווערט קאַלט אין די אַלטע ביינער...

דאָך האָט דער גאַנצער עולם מיט'ן מאָנומענט שטאָלצירט: מיט'ן מאָנומענט אַליין בכלל און מיט דער לאַנגיעהרינער אַרבייט, וואָס מען האָט אין איהם פֿערשטיינערט, בפרט! און האָטש עס האָבען זיך, דורך פֿערקוקעניש פֿון טראָגענדיגע ווייבער און מוסר זאָגען פֿון עלטערן און לעהרער, קיין גאונים נישט געמעהרט, האָבען זיך דאָך געמעהרט די מאָנומענטען... נישט מיט אַ מאָל, נאָר ביסליכווייז: נישט אַזוינע גרויסע, נאָר קלענערע, קליינע און גאָר קליינע, ביז צו איינפֿאַכע מצבות, נאָר אַלץ אין מיט'ן מאַרק!... עס איז מיט דער צייט אַ מאָנומענטען־קריינק געוואָרען — איין אונטערגאַנג...

האָט איימיץ ערפֿונען אַ ניי אַרט בולבעס שיילען, האָט איימיץ ערפֿונען אַ נייע רעטעניש, ווער שמועסט, אַז איימיץ האָט אַ טובה געטהון, אַ נדבה געגעבען, איין אַלט בעט פֿון פֿייער אַרויסגעשלעפּט. מיט אַ שטעקען אַ שלאַנג געטייט, האָט מען איהם אַ מאָנומענט געשטעלט... רייכע לייט האָבען אָבגעשיידט פֿון דער ירושה אַ טהייל פֿאַר זיך אויף אַ מאָנומענט; די, וואָס האָבען קיין גרויסען צוטרויען צו די יורשים נישט געהאַט, האָבען זיך נאָך ביים לעבען מאָנומענטען געשטעלט... מיטלערע לייט האָבען אויף מאָנומענטען די הייזער פֿערקויפֿט, דאָס בעטגעוואַנדט פֿערזעצט... פֿאַר אָרימע קרובים האָט מען נדבות געמאַכט, מצבות צו שטעלען... עס איז געקומען דערצו, אז אַלע האָבען געמוזט האָבען מאָנומענטען און פֿאַר גאָר געמיינע לייט, וואָס האָבען אפילו קיין רייכע קרובים נישט געהאַט, האָט געגעבען קהל אַ מאָנומענטיל...

אויס גראָז, אויס בלומען, אויס געזאַנג און טענץ — סאַמע מאָנומענטען און מצבות...

און די מענשען האָבען מעהר פֿון טויט און מאָנומענטען געטראַכט ווי פֿון לעבען... לעבעדיגער־הייט האָט זיך יעדערער שוין פֿאָרגעשטעלט אַלס טויטער, און האָט זיך בעמיהט נאָך ביים לעבען אויסצוזעהען שטייף און פעסט ווי זיין שפּעטערער מאָנומענט...

און אין די שטייפֿע, מאָנומענטען־עהנליכע קערפער, זענען שטייף און פֿערשטיינע־ט געוואָרען די נשמות...

נישט פּלאַץ צום טאַנצען און זינגען האָט שוין געפֿעהלט; דער חשק דערצו איז שוין אויסגעטרוקענט געוואָרען... מען האָט נור געלעבט אויף נאָכ'ן טויט!... געהאָפֿט נור אויף מאָנומענטען!...

און עס איז געקומען אַ צייט, ווען אַלע טויטע האָבען געהאַט מאָנומענטען, וואָס האָבען פֿערפֿולט דעם פֿרייען פּלאַץ צווישען די

הייזליך, און ווען אַלע שטאָדט־לייט האָבען לעבעדיגערהייט נאָכגעמאַכט די שטיינערנע מאָנומענטען, און די לעבענדיגע זענען געוואָרען טויט...

אין גאַנצען דערצו איז דאָך נישט געקומען... אין דער נאַטור שטעקט דאָך דער חשק צו לעבען, צום פֿרייען זינג־און טאַנץ־לעבען און פֿערבאָרגענער־הייט האָבען אַלע געבענקט צו דער אַלטער צייט, ווען דער פֿערבלומטער מאַרק האָט זיך געבאָדען אין דער זון, ווען דאָס יונג־וואַרג האָט געזונגען און געטאַנצט אין מיט'ן מאַרק, און ווען דאָס אַלט־וואַרג איז געזעסען אַרום אויף די גראָז־בענק און, צוקוקענדיג, נאָך אַמאָל דורך געלעבט אַ לעבען...

און מען האָט שטילערהייט געבענקט, און מען האָט זיך איין עצה געפֿינען! מען האָט זיך צונויפֿגעקליבען אַלע פֿונקען פֿון לעבען און פֿרייד, וואָס האָבען זיך געוועקט איבערן גאַנצען יאָהר, און צוזאַמענגעלעגט אויף איין טאָג, ווען לעבענדיגע מאָנומענטען האָבען אַראָב געוואָרפֿען פֿון זיך די שטייפֿקייט, דאָס פֿערגליווערקייט און געוואָלט לעבען, ליעבען, זינגען און טאַנצען...

דאָס איז געוועזען פּורים! אַלע ימים טובים זענען בטל געוואָרען, ־פּורים נישט!

אַצינד לאַכט! אַניט וועל איך זאָגען אַז איהר זייט אַלט־וואַרג, שמאַטעס, מאָנומענטען! אַז איהר קענט שוין נישט לאַכען!

י. ל. פּרץ.

---

## ציי‌טונגס־שטימען לְכָבוֹד פּוּרים.

איידער ווען וואָס — הערט זיך איין דעם טייטש פֿון צוויי ענגלישע ווערטער. אינטערוויאו, הייסט אויף ענגליש אַ צוזאַמענטרעפֿעניש צווישען אַ צייטונגסשרייבער און אַ גרויסען מענשען מיט דער כַּוָנָה דעם גרויסען מענשען אויסצופֿאָרשען, און דערגעהן זיין מיינונג וועגען פֿערשידענע פֿראַגען, וואָס אינטערעסירען דעם געוועהנליכען לעזער. דער צייטונגסשרייבער, וועלכער קומט מיט אַזאַ כַּוָנָה, הייסט — אונטערוויאוער. לְמָשָׁל, צו דער צייט פֿון דרייפֿוסעס פּראָצעס פֿלעגען צייטונגסשרייבער בעלאַגערן די מיניסטאָרען, גרויסע ליטעראַטען און בעריהמטע פּראָפֿעסאָרען, און פֿלעגען זיך סטאַרעווען דורך פֿערשידענע שַׁאֲלוֹת אַרויסצוקריגען זייער מיינונג וועגען דרייפֿוסען, פּיקאַרען א. ז. וו. דאָס געשפּרעך פֿון אַזאַ אינטערוויאו דרוקט זיך דערנאָך אָב אין אַ צייטונג, און וואָס מעהר דעם עוֹלָם, איז בעקאַנט די וויכטיגקייט פֿון דעם גרויסען מענשען, וועלכער האָט דעם אינטערוויאוער אַרויס געזאָגט זיין מיינונג, אַלץ מעהר און מעהר ווערט פֿערקויפֿט דער נומער מיט דעם געדרוקטען אינטערוויאו, די הערויסגעבער פֿון די צייטונגען מאַכען דערביי קיין שלעכט געשעפֿטיל, און אָפֿטמאָלס איז דער לעזער אויך ניט אונצופֿריעדען.

וואָס עס פּאַסט פֿאַר זיי פּאַסט פֿאַר אונז יודען אויך, און אין דער לעצטער צייט האָבען זיך טאַקי אָנגעהויבען צו בעווייזען אויך אין די יודישע צייטונגען אינטערוויאוס און אינטערוויאוערס. עטליכע אינטערוויאוס זענען מיר אַזוי טיעף אַריין אין מוֹחַ, אַז איך מוז זיי איבערגעבען דעם לעזער פֿון "יוד" וואָרט ביי וואָרט. זאָל ער לְכָבוֹד פּוּרים אַביסעל הֲנָאָה האָבען...

### אינטערוויאו פֿון יאסעל צוקערקאנדעל מיט דעם בעקאַנטען אנטיסעמיטען שטעקער.

(אַ קאָרעספּאָנדענץ פֿון בערלין.)

"איך האָב שוין פֿון לאַנג אָן געוועלט אויספֿאָרשען און אויספֿרעגען דעם בעקאַנטען אַנטיסעמיטען וועגען אַרגענטינאַ, פּאַלעסטינאַ, די וויענער "וועלט" און די קישינעווער בריעף. נאָר אין די ערשטע צייט האָבען מיר די עסענס אין בערלין שטאַרק ניט בעקומען, און איך האָב זיך אַלײן געפֿיהלט רַחֲמָנָא לִצְלָן שטאַרק פֿערקאַטערט און פֿערמאָגענט*), חוץ דעם בין איך נאָך ניט געוועזען פֿעסט אין דער שפּראַך, און אין מיינע טייטשע פֿלעגט אָפּט זיך אַריינגנבֿ'נען אַ לשון־קודש וואָרט. היינט אָבער, אַז איך פֿיהל זיך ב"ה גאַנץ געזונד און פֿריש האָב איך אַרויפֿגעוואָרפֿען אויף זיך אַ יום־טובדיגען בגד, אָבגעפּוצט די שטיפֿעל, צו וואָס איך בין דאָס גאָר ניט געוועהנט און מיר אָבגעוואַשען דאָס פּנים און טאַקי מיט זייף, — (זאָל דער צוֹרֵר הַיְהוּדִים ניט מיינען, אַז מיר יודען ווייסען ניט די ניצליכקייט פֿון זייף!) און בין אַוועק צו פֿוס צו דעם גַלְחשטעקער. אונטערוועגס האָב איך זיך אַ ביסעל פֿערבלאָנדזעט און בין פֿערקראָכען עט עט אין בויבעריק. נאָר שְׁלוּחֵי מִצְוָה אֵינָן נִזוֹקִים, ד. ה די וואָס געהען אין אַ מצוה־זאַך ווערען ניט געשעדיגט... דאַרף זיך מאַכען, אַז איך בעגעגען מיינעם אַ אַלטען בעקאַנטען ברוך צאָצמאַן, (אַגרויסער קענער פֿון די בערלינער גאַסען, חוץ דעם האָט ער אַ סך מאַנוסקריפּטען וועגען ציוניזם), און ער האָט מיר אָבגעמאָלט דעם וועג צו שטעקער'ן. נאָר אַזוי ווי איך בין שיין געוועזען שטאַרק פֿערמאַטערט בין איך אַרויף צו מיין פֿריינד צאָצמאַן, (ער וואָהנט אויף'ן פֿינפֿטען שטאָק, פֿון וואַנען עס זעהען זיך כִּמְעַט אַלע קוימענס פֿון די בערלינער פֿאַבריקען), אַוואו איך האָב זיך אַפּאָר שָׁעָה אָבגערוהט און אויסגעטרונקען עטליכע גלעזליך טהעע. שוין כִּמְעַט פֿאַר־נאַכט בין איך אָנגעקומען צו שטעקער'ן. אַ שענער צוויי עטאַזשיגער מויער מיט אַ פּאַרקאַן פֿון אייזערנע גראַטעס, צווישען וועלכע עס זעהט זיך אַ נאַקעטע נְקֵבָה וועלכע שפּייט פֿון מויל מיט אַ שטראָם וואַסער. דער אייזערנער טויער איז געוועזען אָפֿען און איך בין גלייך אַריין צווישען צוויי בלומען גערטליך, וואָס ליגען אין הויף פֿאַר'ן הויז. פּלוצים איז אַרויסגעשפּרונגען אַ הונד!.. אוי איז דאָס געוועזען אַ הונד!.. גרויס ווי אַ וואָלף, און געבילען האָט ער, אַז די פֿיס זענען מיר אונטערגעהאַקט געוואָרען.... אַ אימפּעט האָט מיך אָנגעהאַפּט... איך האָב גענומען לויפֿען ווי ניט מיט מיינע כּחות... איך בין פֿון נאַטור, בְּטֶבַע ניט קיין פַּחְדָן, אָבער וואָס אַ אימפּעט איז?!.. איך בין געלאָפֿען, אַז איך האָב די ערד ניט געפֿיהלט אונטער זיך, ווי נפתלי איבער די זאַנגען צו יעקב־אָבינו'ס צייטען... אָבגעשטעלט האָב איך מיך ערשט, בעת איך האָב דערקענט פֿאַר מיר ברוך צאָצמאַן'ס הויז. דאָרטען האָב איך גענומען אַ טרונק קאַלטע וואַסער, און זיך אַביסעל בערוהיגט. די גאַנצע נאַכט אָבער האָב איך געהאַט הארצקלאַפּעניש, און די בעל־הבית'תע זאָגט, אַז איך האָב גערעדט פֿון שלאָף ווי אין היטץ. און דעריבער האָב איך זיך פֿון היינט מאָל אָן אַ נֶדֶר געגעבען אַוועק צוּוואַרפֿען די פַּרְנָסָה פֿון אַ אינטערוויאוער. (אַנמערקונג פֿון דער רעדאַקציאָן. מיר האָפֿען, אַז דער רב פֿון בערלין וועט אונזער מיטאַרבייטער אין גיכען מַתִּיר נֶדֶר זיין, למען דעם לעזער זאָל חָלִילָה ניט פֿעהלען איינער פֿון די בעסטע יודישע אינטערוויאוערס.)"

*

### אינטערוויאו פֿון נאטע חאצקילסאן מיט עמיל זאלא, דעם בעקאַנטען שרייבער און דעם הייסען יודענפֿריינד.

"פּאַריז. עס איז געוועזען אַ מאָנטאַג נאָך אַ זונטאַג. אויף'ן האַרצען איז מיר געוועזען שווער, איך האָב שוין אַ גאַנצע וואָך דעם "המליץ" ניט געקראָגען און איך האָב שוין אֶפְשַׁר צוויי מֵעֵת־לְעֵת וועגען יודען ניט גערעדט. מיט וועמען רעדט מען זיך דורך? טראַכט איך מיר. מיט איינמאָל פֿאַלט מיר איין, אַז ס'איז דאָ אין פּאַריז אַ מענש, וועלכער איז געוועזען די לעצטע צייט אַזוי פֿאַרטהון, אַז ער האָט אפשר גאָר ניט געהערט פֿון דער יודישער בעוועגונג, פֿון באַזעל, קאָנגרעס, שֶׁקֶל און אַקציעס. זאָלאַ האָט אַזוי פֿיעל געהאַט צו אַרבייטען און קעמפֿען צוליעב דרייפֿוסען מיט דעם אַנטיסעמיטיזם און מיט די פֿאַלשע נאַציאָנאַליסטען, אַז מען קען איהם גאָר ניט פֿעררעכענען, דאָס ער ווייס ניט פֿון מאַקס נאָרדוי'ס רעדען און פֿון דער גאַנצער פּאלעמיק צווישען די אַחַד־הָעָם'סטען און הערצליאַנער. איך האָב דעריבער בעשלאָסען אויסצופֿאָרשען זאָלאַ וועגען אַלע די וויכטיגע יודישע פֿראַגען, פֿון וועלכע ער האָט בְּטֶבַע גאָר ניט געקענט וויסען. געטראַכט—געטהון! איך חאַפּ זיך אַרויף אויף אַ טראַמוויי און פֿאָהר. אונטערוועגס בלעטער איך דורך אַלע די ביכער און ביכליך, וואָס האָבען זיך בעוויזען וועגען ציוניזם אַ

---

*) עס איז אפילו אַ נייעס וואָרט, אָבער עס שאַדט ניט: אַ לעבענדיגע שפּראַכע קען און מוז אלצדינג פֿערטראָגען (לייען מיין אַרטיקעל: "די רויטע ודעליך און זייער זשאַרגאָן").

סך פון זיי האָב איך געקראָגען אומזיסט פון די פּערפּאָסער'ס אַליין. מיינע גוטע אַלטע פריינד, טראַכט איך, איהר האָט זוכה געוועזען, דאָס דער גרויסער זאָלאַ זאָל זייגען אייערע ריינע הייכע געדאַנקען ווי אַ שוואָם וואַסער! טהרערען האָבען זיך בעוויזען אין מיינע אויגען פון טיעף געפיהל. און מיט פערטונקעלטען בליק בין איך אַריין אין זאָלאַ'ס וואָהנונג. דעריבער האָב איך קיין זאַך ניט געקענט קלאָר זעהן. איך ווייס נור, אַז פון די פיעלע צימער, דורך וועלכע מען האָט מיך געפיהרט, איז קיינע ניט געווען לעדיג, אַלע מעבלירט, אומעטום, דיוואַנעס, טישען, ביינקעליך, צוליעב וועלכע עס פלעגען זיך מיר ביים געהן פלאָנטערען די פיס. אין זאָלאַ'ס קאַבינעט בין איך פון גרויס געפיהל געשטאַנען, ווי אַ פּאַראַליזירטער אָהן לשון, ניט האָבענדיג די קראַפט צוצוגעהן נאָהענט צום גרויסען שרייבער און פון די אויגען מיינע האָט געטריפט. דאָס אידעלע הערץ פון זאָלאַ איז געוואָרען געריהרט פון מיינע טהרערען אויף די אויגען און ער האָט מיר בעגעגענט מיט די פאָלגענדע ווערטער!

זאָלאַ: זיי זענען קראַנק אויף די אויגען?

איך: דאָס אויך, אָבער איך בין אַביסעל נאָך אויפגערעגט.

זאָלאַ: נעהמט, זייט אַזוי פריינדליך, אַ גלאָז קאַלטע וואַסער.

איך (וועך מיט איינמאָל מונטער און פריש): ניט דער דורשט צו וואַסער, נאָר דער דורשט צו דעם שאַמפּאַניער פון אייערע געדאַנקען האָט מיך אָהער געצויגען.

זאָלא (שמייכעלט, מאַכט זיך אַ נאָטיצעל אין אַ ביכעלע): וואָס פערלאַנגען זיי פון מיר.

איך: אייער מיינונג איבער ציוניזם.

זאָלאַ (געהט צום ביכער שראַנק נעהמט אַרויס אַ לעקסיקאָן און זוכט, אין אַ ווײַלע אַרום): שרייבט זיך דאָס וואָרט מיט אַ „עס" אָדער אַ „צעט", מיין העדר?

איך (פריהליך, דעם גרויסען מענשען צום קענען געבען אַ קליינע ידיעה אין עטוואָס): מיט אַ „ס", גרויסער מייסטער, איך שפּרעך דאָס אויס אַמאָל מיט אַ „צעט" און אַמאָל מיט אַ „זעט", אָבער ריכטיגער איז אין פראַנצויזישען מיט אַ „ס".

זאָלאַ: איך דאַנק אייך זעהר.

איך: אַזוי ווי איך זעה, איז דער גרויסער מייסטער ניט בעקאָנט מיט דעם ציוניזם, אפשר וואָלט ער מיר ערלויבען איהם עפּיס פאָרצולייענען וועגען דעם. איך האָב דאָ מיט געבראַכט עטליכע ביכער וועגען ציוניזם.

זאָלאַ (שמייכעלט און קוקט מיך אָן): צו וואָס זאָלט איהר זיך בעמיהען, איך קען דאָך אַליין לייענען.

איך (לעבעדיג מיט אַ יודישען נגון): ניין, גרויסער מייסטער, דאָס קענען זיי אַליין ניט לייענען, ווייל עס איז געשריעבען אין אַזאַ שפּראַך, וואָס די פראַנצויזען פערשטעהען נאָך ניט. און דעריבער, ווערט איהר מיר ערלויבען אייך עפּיס פון איהם צו איבערזעצען.

זאָלאַ (קוקט אויף מיר מיט אומרוהיגע אויגען).

איך (קוק אויף איהם פריינדליך, ווי איהם צו בערוהיגען: „נישט־קשה, גרויסער מייסטער, וועסט האָבען הנאָה", און הייב אָן פאַרנאַנדער צו לייגען די ביכליך).

זאָלאַ (דריקט אויף אַ קנאָפּ פון אַ גלעקיל).

איך (זעטין זיך צורעכט אין שטוהל און הויב אָן צו לייענען און צו איבערזעצען. פערשטעהט זיך מיט דעם געוויינליכען יודישען נגון).

עס פערגעהט אַ ווײַלע, און איך האָב מיך שוין אַזוי אַריינגעלייענט, אַז איך האָב גאָר פערגעסען וואָס טהוט זיך אַרום מיר. מיט גרויס פייער האָב איך גענומען איבערזעצען פּסוק פאַר פּסוק אויף פראַנצויזיש און לייענענדיג די וואַרעמע ווערטער איז מיר דאָס הערץ צוגאַנגען. איך האָב זיך גאָר פערגעסען, וואו איך געפין זיך איין און האָב ווי אַ מאָל אין בית המדרש געקנייטשט מיט'ן שטערן, געדרעהט מיט'ן גראָבען פינגער און זיך געוואָרפען מיט'ן גאַנצען קערפער פון גרויס התלהבות. שעה'ן זענען פערגאַנגען, די אויגען האָבען מיר אָנגעהויבען טונקעלן, נאָר איך האָב זיך ניט נאָך געגעבען. ווער ווייס, ווען עס וועט מיר ווייטער געלינגען צו קריגען אַזאַ גוטע געלעגענהייט.

פלוצים פיהל איך אַ שטאַרקע האַנד אויף מיינע שוואַכע פּלייצע... איך הויב אויף מיין בליק... אַ איבער קעהרעניש... זאָלאַ איז עפּיס ווי איינגעשלונגען געוואָרען, און פאַר מיר איז געשטאַנען אַ לאָקיי מיט אַ טאַץ אויף'ן האַנד.

דער לאָקייא: מיין הער, וועלכער איז פאַר אַ שעה צוריק אַוועקגעפאָהרען, האָט מיר אָנגעזאָגט, דאָס אויב זיי וועלען שפּעט בלייבען, אייך אַ אַבענדברויט צו געבען.

טהרערען זענען מיר אַריין אין די אויגען, אַזוי טיעף האָט מיך געריהרט די פריינדליכקייט פון זאָלאַ'ס גרויס הערץ.

*

## אינטערוויאו פון יחזקאל פעדלער מיט פּאלקאָווניק גאָלדסמיט.

ווי באַלד איך בין דערגאַנגען דאָס גאָלדסמיט געהט אַוועק מיט זיין פּאָלק נאָך טראַנסוואַל, האָב איך זיך אַ לאָז געגעבען צו זיין וואָהנונג, כּדי איהם וואָס גיכער אויסצופרעגען וועגען אַלסדינג, וואָס קען נור אינטערעסירען דעם יודישען לעזער. עפּיס אַ קלייניגקייט געהן אין אַ מלחמה?! ווער ווייס אויב מען וועט זיך נאָך אַ מאָל זעהן?!

און איך האָב זיך געהיילט דורך צו ריידען מיט אונזער יודישען פּאָלקאָווניק פון גאַנצען האַרצען. נאָר אַזוי ווי איך בין נאָך ניט לאַנג ערשט אין לאָנדאָן, האָב איך געמוזט זיך אַ שטיקיל עצה געבען, ווי זיך מיט איהם צוגויף צורעדען. וואָס זאָל איך דאָ פיעל ברייען, איך האָב זיך אויף קיין פאַל קיין עצה ניט געקענט געבען, און עס איז ביי מיר געבליעבען זיך דורכצורעדען מיט איהם אויף שטום לשון, אויף'ן וואונק.— כּדי ער זאָל אין מיר באַלד דערקענען אַ יודען, בין איך אַריין צו איהם האַלטענדיג אין איין האַנד אַ תּפילין זעקיל, און אין דער אַנדערער אַ מזוזה. אַריינגעהענדיג צו איהם האָב איך אַ קוש געטהון די מזוזה און האָב מיט אַ משונה'דיגען קול אַ ברום געטהון: יהודי, ציון.

פּאָלקאָווניק גאָלדסמיט (דרוקט מיר די האַנד און רעדט עפּיס וואָס איך פערשטעה ניט, דערנאָך זאָגט ער): ציון.

איך (צומישט פון אינערע געפיהלען רעד פון אונזער קומענדיגער מלחמה פאַר ציון, פאַר אונזער פרייהייט, מאַך מיט די הענד, אַקוראַט, ווי איך וויל אָבשטויסען אַ שונא).

פּאָלקאָווניק גאָלדסמיט קלאַפּט מיר אויף'ן פּלייצע, דאַנקט מיר, דריקט מיר די האַנד און גיט אַ צייכען צו זיינע דיענער.

מילא וואָס זאָל איך מאַריך זיין, עס האָט ניט געדויערט קיין שעה, ווי איך בין שוין געווען אָנגעטהון פון קאָפּ ביז די פיס אין אַ סאָלדאַטסקען מונדיר מיט אַ שווערט ביי דער זייט, און מיט דעם צייכען פון פּאָלקאָווניק גאָלדסמיטס פּאָלק, אויף די אַרבעל, אויף די היטעל און אומעטום.

גאָלדסמיט, האָט מיין שטום־לשון ניט פערשטאַנען. ער האָט געמיינט אַז איך וויל אָנקומען צו איהם אין פּאָלק דיענען, און קום זיך ביי איהם בעטען מיך גיכער אָנצונעהמען. דער שוואַרציאָהר האָט מיך געשיקט ווערען אַ אינטערוויאוער!.... איצט געפין איך זיך אינטערוועגס נאָך טראַנסוואַל, און ווייס גאָט, מיין לעזער, אויב איך וועל נאָך דערלעבען נאָך אַמאָל צו ריידען מיט דיר וועגען די הויכע יודישע אידעאַלען.

א. ע.

---

## ווי אַזוי בנצע יוסעס (בן ציון יוסף'ס) איז געוואָרען מיניסטער און פּלוצלינג–אוים מיניסטער.

אין סוויסלאָוויץ, אַ מין קליין שטעדטעלע הסמוכה לבאָברויסק, וואָס איז נאָהענט צו באָברויסק, וואָס זיצט (אַזוי שרייבט מען אין אַלע גטין) אויף צוויי טייכען (חוץ ברונען'ס און קוועלען), אויף דער טייך בערעזא, וואָס האָט בעקומען אַ'שם אויף דער גאַנצער וועלט פון נאַפּאָלעאָנ'ס צייטען מיט זיינע גרויסע מלחמות, און אויף דער טייך סוויסלא, וואָס זי וואַרט נאָך לעת עתּה אויף אַ גרויסען גבור, וועלכער זאָל זי בעקאַנט מאַכען אין דער גאַנצער וועלט בכלל און צווישען יודען בפרט—

אין דער סוויסלאוויץ האט מען זיך נוהג געוועזן מקדמת דנא ניט דורכ־צולאזען איין פורים אהן א פורים־שפיעל, אז מיט דער צייט האט מען שוין געקוקט אויף דעם פורים־שפיעל ניט ווי אויף א געוועהנליכע זאך, וואס אז איך וויל, מאך איך, און אז איך וויל מאך איך ניט, נאר ווי אויף אנ'אלטען מנהג, וואס קיינער האט ניט רשות איהם מבטל צו זיין.

און מען פלעגט זעהען מכבד זיין דעם עולם יעדעס יאהר עפיס מיט אניי שטיק. כדומה למשל, אז מען האט איין יאהר פארגעשטעלט "מכירת יוסף", האט מען איבער איאהר געשפיעלט "עקדת יצחק" און איבער צוויי יאהר — "מלוכת שאול" און ערשט אויפ'ן פערטען יאהר זיך ווידער אומגעקעהרט צו "מכירת יוסף", כדי עס זאל דעם עולם ניט נמאס ווערען איין זאך צוויי יאהר נאך אנ'אנדער.

די שפיעלער, אדער ווי מען האט זיי גערופען אין שטעדטיל, די אקטיארען, זענען געוועזן אלע יאהר דיזעלבע. צום ביישפיעל, דער אברהם פון עקדת יצחק איז געוועזן דער יעקב פון מכירת יוסף, און דער שמואל הנביא פון מלוכת שאול; די אלטע שרה פון איין יאהר איז געוועזן אי־בער איאהר פוטיפר'ס ווייב, וואס מען האט צוליעב איהר פערמשפט יוסף'ן, און איבער צוויי יאהר איז זי געווארען די מכשפה פון מלוכת שאול, און אזוי ווייטער. מיינט אבער ניט חלילה אז שרה, אדער להבדיל פוטיפר'ס ווייב און די מכשפה, איז טאקי געוועזן א יודענע, צו אזא מין מדרגה איז סוויסלאוויץ הלילה ניט געקומען. די אקטיארען זענען געוועזן פון א ביז ת דורכאויס מאנס־פערשוין. עס איז טאקי געוועזן זעהר שלעכט, ערשטענס טאר דאך אמאנסביל, א יוד, זיך ניט פערשטעלען אין די גע־שטאלט פון א'אשה, און צווייטענס וואס טהוט מען מיט דעם בארד? א יוד אהן א בארד, א יונגער מאן קען זיך דאך ניט מאכען פאר א'אשה זקנה, וואס איהר צורה דארף זיין פול מיט קנייטשען? אלא וואס דען, מוז מען דאך נעמען א'אלטען יודען — וואס טהוט מען ושע מיט דעם בארד? וואו טהוט מען זי אהין, האטש אויף איין טאג? איין צייט האט גאט אויסגעהאלפען די סוויסלאוויצער יודען, ער האט זיי צוגעשיקט א יודען, און דווקא איין אלטען מאן, און דווקא אהן א בארד, גלייך ווי ער וואלט געוועזן בעשאפען געווארען צו זיין א שרה, אדער א מכשפה להבדיל, גערופען האט מען דעם יודען "ניסע די מויד", טאקע מחמת דעם, ווייל ער האט ניט געהאט קיין בארד.

נאר אפילו א יוד אהן א בארד לעבט דאך אויך ניט אייביג, איז טאקע נאך "ניסע די מויד'ס" טויט געווארען זעהר ניט גוט די פורים שפיעלער אויפ'ן הארצען, זיי וואלטען שוין געוועזן מרוצה כמעט אויס־שרייבען פון אאנדער שטאדט אזא מין יודען וואס ביי איהם וואכסט לכתחלה ניט קיין בארד, מע וואלט איהם בעשטעלט טעג אויף א גאנ'ץ יאהר, און נאך צוגעצאהלט במזומנים פון די הכנסות וואס זיי האבען פורים — נאר וואו נעמט מען אזא יודען, און טאמער געפינט מען שוין די בריה ערגיץ וואו, וועט מען איהם דאך ניט אבלאזען פון זיין שטאדט, ווארום ממה־נפשך, איז ער גוט פאר סוויסלאוויץ, טויג ער דאך אויך פאר יעהופעץ, שניפישאק און דערגלייכען, אברייזען אפשר? נאר מיט דעם וועט מען נור קאליע מאכען דעם מקח, דער יוד אהן א בארד וועט ווערען אצו גרויסער יחסן ביי זיך, און וועט מיינען באמת אז אהן א בארד איז מעהר יחוס ווי מיט א בארד, וכן לא יעשה, יודען דארפען דערצו ניט דערלאזען...

מען איז אבער פארט געפאלען אויף א עצה, און דוקא האט די עצה געגעבען א איינפאכער יוד, וואס מען האט פון איהם אין שטעדטיל ביז יענער צייט גאר ניט געהאלטען. די עצה האט געגעבען אברהם דער בלינדער, אוואכעדיגער בעל תפלה און א שבת'דיגער בעל שחרית אין הסידישען מנין, און דערצו א געוועהנליכער, גאר א פשוטער בעל עגלה.

זאגט אברהם דער בעל עגלה: אמת טאקי אין אונזער תורה שטעהט ניט געשריעבען אז מען האט נאך פערצייטען געוואוסט פון צייהנ־וועהטאג, אבער עס שטעהט דאך ערגיץ ניט אז צייהן־וועהטאג איז ניט געוועזן אין יענער צייט, קענען מיר דאך קלערען ווי מיר ווילען, אם כן קענען מיר נעמען טאקע א יודען מיט א בארד אפילו מיט א גרויסען בארד און זאל דוכטען אז שרה'ן האבען דאמאלס חלילה וחס וועה־געטהון די צייהן, און זי איז געגאנגען פערבונדען דעם פנים מיט א גרויסען טוך. עס איז אפילו ניט אזוי פאסיג, נאר וואס זאל מען טהון? זענען מיר שוין פארטיג מיט "עקדת יצחק". היינט זאלען מיר זיך נעמען פאר "מלוכת שאול", דא פערשטעה איך גאר ניט — זאגט אברהם דער בעל עגלה — דער מכשפה מעגען דאך טאקע אויף א אמת וועה טהון די צייהן, און וועה טהון גאר אן א אויפהער!... בלייבט אונז נור פוטיפר'ס ווייב — פוטיפר'ס ווייב קען אבער זיין א יונגע, וועלען מיר נעמען א בחור אהן א בארד!

די עצה איז אלעמען געפעלען געווארען, און מהיום הזה והלאה איז געווארען אין סוויסלאוויץ א מנהג, אז שרה און די מכשפה להבדיל פלעגען זיך בעווייזען דעם עולם מיט פערבונדענע פנימ'ער.

סוף כל סוף זענען אבער פארט די אלע דריי שפיעלען: "עקדת יצחק", "מכירת יוסף" און "מלוכת שאול" דעם עולם נמאס געווארען. אגב איז אנגעקומען א ידיעה פון באברויסק, אז די אלע דריי שפיעלען זענען שוין ארויס פון דער מאדע, אז זיי זענען פערבליבען נור אין די השך'דיגע קליין שטעדטליך, און אין די גרויסע שטעדט שטעלט מען שוין היינט פאר טאקע די אמת'ע מעשה פון פורים גופא, די גאנצע מעשה, מיט אחשורוש'ן, ושתי'ן, המן'ן מיט מרדכי'ן, אסתר'ן און הרבונה'ן, כסדר פון אנהויב ביז צום סוף.

סוויסלאוויץ האט ניט געפאסט אבשטעהן פון באברויסק, זי איז דאך עפיס פארט ניט א מין פערווארפענעס קליין שטעדטיל, ניט אומזיסט איז זי דאך אזוי נאהענט צו באברויסק און זיצט אויף צוויי טייכען, בשעת אפילו באברויסק גופא האט מעהר ניט ווי איין טייך!..

איז געבליעבען בהסכם כל העדה, אז פון היינט אן איז אויס עקדת יצחק, אויס מכירת יוסף און אויס מלוכת שאול, און מען מוז זעהן פארשטעלען, אלע קליינשטעדטליך צום ביישפיעל, און באברויסק צו להכעיס, טאקע די מעשה פון פורים, מיט אלע פינטעליך...

געזאגט און געטהון, אברהם איז געווארען מרדכי, פוטיפר'ס ווייב איז געווארען ושתי, מען האט געפונען איינעם, וואס האט זיך אנגענומען זיין א אחשורש, א יונגען מאן פאר א אסתר און אזוי ווייטער. איין זאך איז געוועזן שלעכט, קיינער האט ניט געוואלט זיין א המן, און דער רב האט אויך געפסק'עט אז א יוד טאר ניט זיין קיין המן, אפילו אויף א גע־לעכטער אויך ניט.

נאר גאט האט דא אויך ניט פערלאזען דאס גאנצע שטעדטיל און די פורים שפיעלער, ווארום אראבקריכען צוריק אויף מכירת יוסף אדער אויף די אנדערע שפיעלען וואלט געוועזן זעהר מאוס. און בפרט אז די בעלי עגלות, וואס פאהרען צוויי מאל אוואך אין באברויסק נאך סחורה, האבען דערצעהלט, אז גאנ'ץ באברויסק קאכט, אז אפילו א קינד אין וויעג וויים שוין אויך אז אין סוויסלאוויץ וועט מען אין דעם יאהר פארשטע־לען די אמתע מעשה פון פורים. מען איז ווייטער געפאלען אויף א שכל. ביי דעם גביר פון שטעדטיל האט געדיענט א יונגער גוי, וואס האט גע־קענט גוט רעדען אויף יודיש, אזוי גוט אז ער האט אפילו געקענט דעם דאוונען אויסווענינ.

בקצור מען איז מושוה געווארען מיט דעם גוי, אלע טאג פון חנכה ביז פורים צוויי גלעזליך בראנפען, און פורים מזומענע דריי רובעל. ביי דעם יונגען גוי איז דאס געוועזן א צוגעקומענע פרנסה און ער איז מוסכם געווארען, און אלע שבת נאך הבדלה פלעגט ער געהן גלייך מיט די יודישע פורים שפיעלער לערנען אויף אויסווענינ זיין ראלע.

אלעס איז געגאנגען כשורה, מען האט געלערנט מיט גרויס חשק, און די זאך איז שוין געוועזן כמעט ווי פארטיג, האט זיך געדארפט אבער טרעפען אז המן האט איין מאל אויסגעטרונקען מעהר וויפיעל מען האט זיך בעדונגען מיט איהם. פון דעסטוועגען האט ער אבגעזאגט אלעס וואס המן דארף זאגען זעהר גלאט און שען, אז קיינער האט גאר ניט געקענט מערקען אז דאס זאגט א גוי, ניט א יוד. נאר ווי עס איז געקומען צו דער סצענע, ווי מען דארף המן'ן הענגען, איז דער יונגער גוי ארויס פון די כלים, האט זיך אנגעהויבען שטארק זידלען און ברעכען אלעס וואס אין שטוב איז, האט געזידעלט אלע יודען אין דער וועלט און זיין בעל בית בפרט. בקצור מען האט איינגעזעהן אז דאס איז ניט קיין המן פאר פורים שפיעלער, אז דאס איז טאקע כמעט א אמת'ר המן...

טשעט מען דעם זאַק מיט דעם פֿערבונדענעם המן'ן און מען וואַרפֿט איהם אַרויס פֿון שול.

מען מוז וויסען אַז „סוועט" איז איינע פֿון די פֿערברייטעסטע ביליגע צייטונגען און מען לייענט זי אין אַלע דערפֿער.

היינט קען מען זיך פֿאָרשטעלען וואָס פֿאַר אַ פּוּרִים־שפּיעל האָט דער געוועזענער בעלפֿער פֿון „סוועט" געוואָלט פֿאָרשטעלען פֿאַר יודען היינטיגען פּוּרִים. צום גליק אָבער האָבען כִּמְעַט אַלע רוסישע צייטונגען אפילו די אַנטימעמיטישע איבערגעדרוקט די זעלטענע בָּבָא־מַעֲשֶׂה און אויסגעלאַכט דעם „סוועט".

מיר יודען ווייסען ניט צי דאַרף מען לאַכען אָדער וויינען. — לאַכען וואָס אונזערע שׂוֹנְאִים איז מעהר ניט געבליבען ווי זיך קוויקען מיט אַזוינע בָּבָא־מַעֲשׂוֹת וואָס זענען ניט געשטויגען, ניט געפֿלויגען. — וויינען — וואָס עס געפֿינען זיך אַזוינע בעשעפֿענישען אויף דער וועלט, וואָס זענען פֿעהיג אויסטראַכטען אַזוינע נידריגע בִּלְבּוּלִים אויף אַ גאַנ'ץ פֿאָלק.

די המן'ס שטאַרבען ניט אויס, נאָר צום גליק „איז די וועלט ניט אָהן גוטע מענשען". אין דער שטאָדט סטאַווראָפּאָל (קאַווקאַז) איז איבער „המן'ן" פֿאָרגעקומען אַ פּראָצעס ביים דאָרטיגען שטעדטישען ריכטער. אין דער שטאָדט איז אַראָבגעקומען אַ המן מאַכען אַ פּוּרִים־שפּיעל אויסצולאַכען די מרדכי'ס. אין דעם דאָרטיגען טעאַטער האָט איין אַקטיאָר זיך נאָכגעקרומט יודען. דאָס האָט פֿערדראָסען אַ שטודענט ל. און אַ „דוואָריאַנין" ק. און זיי האָבען אָנגעהויבען פּייפֿען. די פּאָליציי האָט זיי איבערגעגעבען אין געריכט פֿאַר דעם סקאַנדאַל. די ה"ה ל. און ק. האָבען זיך פֿערטיידיגט פֿאַר דעם ריכטער מיט דיזע ווערטער: אין ערשטען, נאָכקרומען זיך יודען געהער זיך כְּלַל ניט אָן מיט דעם עסטעטישען געפֿיהל וואָס מען וויל האָבען פֿון טעאַטער. און אין צווייטענס עפֿענטליך הוֹזֶק מאַכען פֿון אַ פֿאָלק וועלכעס זענען די קלענערע צאָהל אין לאַנד, בעריהרט ביי דעם צוהערער ניט נור דאָס עסטעטישע געפֿיהל נאָר אויך דאָס מאָראַלישע.

צוויי עֵדוּת, אַ בעאַמטער ט. און אַ אַדוואָקאַט ל. האָבען געזאָגט, אַז נאָך זייער מיינונג האָט מען דעם סקאַנדאַל צו פֿערדאַנקען ניט די מענשען, וועלכע האָבען מיט זייער פּייפֿען פּראָטעסטירט געגען אַזאַ מְאוּס'ע פֿאָרשטעלונג, וועלכע האָט זיי אויך פֿערדראָסען, נאָר דעם אַקטיאָר וואָס ערלויבט זיך אין טעאַטער נאָכקרומען יודען.

ווי דער „סעוו. קאַוו." שרייבט, האָט דער ריכטער די הערן ל. ל. און ק. בעפֿרייט, און אונזער אינטעליגענ'ץ האָט זיך מיט דעם גערעכטען מִשְׁפָּט געפֿרעהט.

מיר יודען דאַרפֿען זיך אויך פֿרעהען מיט דעם וואָס גלייך מיט די המן'ס ווערען אויך געבוירען מרדכי'ס, וועלכע זענען זיך מַקְרִיב, שטעהן פֿאַר דעם גערעכט און רעדען גוטס אויף יודען. פֿון אונז וואָלט שוין לאַנג קיין זֵכֶר ניט געבליבען אָהן די מרדכי'ס, און דערפֿאַר יעדעס יאָהר אים פּוּרִים דערמאַנען מיר זיך אין דעם און פֿרעהן זיך.

אין אַלע יודישע שטעדט און שטעדטליך איז איצטער ליכטיג, אין אַלע יודישער הייזער איז איצטער בעלייכטען מיט מיליאָנען ליכט ווי אין גרעסטען יום־טוֹב. מען זיצט מיט ווייבער, קינדער און מיט גוטע פֿריינד ביי אַ געדעקטען טיש מיט גוטע מַאֲכָלִים, מען עסט, מען טרינקט מען לאַכט און מען איז פֿרעהליך. מיר פֿערגעסען אויך ניט די אָרימע און דעם גאַנצען טאָג פּורים טהיילען מיר צְדָקָה. און די אומגליקליכע, אָרימע לייט זענען היינט אויך פֿרעהליך. ליכטיג און פֿרעהליך איז איצט אין די יודישע הייזער.

נאָר דאָרט ערגיץ ווייט — אין דעם פֿעטען רייכען בעסאַראַבי'ע, „וואו ווייַן פֿלעגט זיך גיסען ווי אַ וואַסער", איז היינטיגען פֿרעהליכען יום־טוֹב אין די יודישע הייזער פֿינסטער, קליינע קינדער וויינען: „מאַמע, עסען" און די גרויסע שרייען: „ברויט". טאָג טעגליך קומט אונז אָן בריעף פֿון די הונגריגע יודישע שטעדטליך: קאַושאַן, שימשיליע, בענדער, פּאַלעשטע, איזמאַילאָוו, טאַטאַרבונאַר, בערזאָווקע, קיליע, לאָיעווע, שאַבאָוו, ראָמאַנאָווקע, פּעטראָווקע, מאַנזיר, קאָלאָניע נאַגאַרטאָוו, טאַראַקליע, קאָפּיאַנקע און נאָך אַנדערע. אַלע שרייען אין איין קול „יודען, האָט רַחֲמָנוּת אויף אונזערע ווייבער און קינדער, העלפֿט אונז, מיר זאָלען ניט שטאַרבען פֿאַר הונגער".

וואו נעהמט מען איצט מרדכי'ס וואָס זאָלען ראַטעווען די אומגליקליכע יודען!

די קוֹלוֹת זענען ניט פֿון געבוירענע אָרימע לייט נאָר פֿון ניט לאַנגע בַּעֲלֵי־בַּתִּים, בַּעֲלֵי־מְלָאכוֹת, סוֹחֲרִים, אַרבייטער וואָס ערשט פֿאַר אַ יאָהרען אין דער צייט זענען זיי אויך געזעסען מיט זייערע ווייבער און קינדער ביי זייערע טישען אָנגעשטעלט מיט אַלעם גוטס, זיי האָבען זיך אויך געפֿרעהט אין דעם יום־טוֹב פּורים און געטהיילט צְדָקָה. הערט ווער עס בעט הילף: „מיליאָנען זעק פֿול מיט ברויט האָב איך איבערגעטראָגען אויף מיינע פּלייצעס, קלאָגט זיך אַ הונגריגער יודישער אַרבייטער, גאַנצע בערג ווייַ'ן מיט קאָרן האָב איך מיט מיין לאָפּעטע איבערגעקעהרט און איצטער דאַרף איך פּונקט ווי איין אֶבְיוֹן בעטען ברויט, גיט מיר ווידער בערג איבערצוקעהרען, גיט אַרבייט!"

די יודישע מִדָּה איז פֿון תָּמִיד אָן אין די גרעסטע שִׂמְחוֹת זיך דערמאָנען אָן די אָרימע ברידער. זאָל די מִדָּה ביי אייך אויך ניט פֿערלאָרען ווערען היינטיגען פֿרעהליכען יום־טוֹב. דערמאַנט זיך אָן אייערע הונגריגע ברידער, „פֿערגעסט ניט אַז עס געהט באַלד אַ שווערער יום־טוֹב פֶּסַח און אַ זומער אָהן ברויט. ביז צום נייעם אורואַזי דאַרף מען האָבען הילף", שרייבט אונז ס' מינסבערג פֿון רעזינא.

זאָל מען אין די יודישע שטעדט און שטעדטליך פֿון היינטיגען פּורים אָן אויפֿקלעבען מוֹדָעוֹת אין אַלע שולען און בָּתֵּי־מֶדְרָשִׁים וועגען אונזערע הונגריגע ברידער אין בעסאַראַביען. זאָלען קליין און גרויס, אָרים און רייך וויסען פֿון דעם גרויסען אומגליק וואָס זיי האָט דאָס יאָהר געטראָפֿען. קיין יוד וועט זיך ניט אָבזאָגען פֿון צו העלפֿען מיט זיינע עטליכע קאָפּיקעס און דערפֿון וועלען געהאָלפֿען ווערען צעהנער טויזענדער יודישע הונגריגע פֿאַמיליעס.

ווען מיר וועלען זיך ניט העלפֿען ווער דען וועט אונז העלפֿען?

וואָס מעהר מרדכי'ס מיר וועלען צווישען זיך האָבען, מעהר וועלען מיר זיך פֿרעהן און פֿריילִיך זיין.

אֱמֶת.

---

## פּאָליטישע איבערזיכט.

די מִלְחָמָה, וואָס איז ביז איצט געווען אַזוי גליקליך פֿאַר די בוירען, האָט זייט ראָבערטס'ן אָנגענומען אַ גאַנ'ץ אַנדערע ריכטונג. ראָבערטס האָט זיך אַרויסגעשטעלט אַלס אַ פֿיעל בעסערער און פֿעהיגערער גענעראַל, ווי די אַנדערע, וואָס האָבען ביז איצט געפֿיהרט די מִלְחָמָה. בעפֿרייענדיג גיך און אונערוואַרטעט פֿאַר דער גאַנצער וועלט קימבערליי, האָט ראָבערטס זיך אָנגעהויבען יאָגען נאָך דעם אָראַנישען גענעראַל קראָניע, וועלכער האָט זיך ניט געקענט שטעלען מיט זיין קליינעם חַיִל געגען דעם פֿיעל שטאַרקערען. ער איז געווען צו איינגעוואוהנט צו אַנדערע ענגלישע גענעראַלען, וואָס געהן אַזוי פּאַמעליך, און דערפֿאַר האָט ער זיך ענטשלאָסען אָבצוטרעטען צוזאַמען מיט דעם גאַנצען לאַגער, מיט דעם פּראָוויאַנט און מיט אַלע זיינע זאַכען. פּאַמעליך האָט זיך געצויגען זיין לאַגער מיט די טויזענדער פֿון אָקסען, וועלכע מען האָט געטריבען און וועלכע האָבען געפֿיהרט פּראָוויאַנט און געוועהר. ראָבערטס האָט אויסגענוצט קראָניעס אונפֿאָרזיכטיגקייג און לייכטזיניגקייט, ער האָט בעוויזען אַרומצורינגלען מיט זיין גרויסער אַרמעע קראָניען פֿון אַלע זייטען, קראָניע האָט זיך געמוזט אָבשטעלען, און דאָ האָט זיך אָנגעצונדען אַ שרעקליכע שלאַכט. וואָס ווייטער איז אַלי'ץ אָנגעקומען מעהר ענגלענדער מיט מעהר האַרמאַטען, און אַ טייפֿעלש פֿייער האָט געשאָסען פֿון די האַרמאַטען פֿינף טעג נאָך אַנאַנד. דער רינג אין וועלכעם די בוירען זענען געווען פֿערשלאָסען, איז אַלי'ץ געוואָרען קלענער, און פֿון דעם שטאַרקען פֿייער איז אַלי'ץ מעהר צורונען קראָניעס חַיִל. פֿון אַלע זייטען איז געגאַנגען הילף פֿאַר קראָניע'ן, דער וועג אָבער איז געווען פֿערצוימט פֿון ענגלישען חַיִל און די אָנקומענדיגע האָבען ניט בעוויזען צו קומען צו דער צייט און זיי זענען אַלענפֿאַלס געווען צו שוואַך דורכצורייסען דעם ענגלישען רינג. קראָניע האָט זיך בעהאַרצט געהאַלטען און האָט

## וויין סט. רפאל
Vin de Saint Raphael.



דער בעסטער מאגענפריינד.

פון אלע בעריהמטע וויינען קראַפטיגט אם בעסטען דער וויין סט. רפאל. ער האָט אין זיך פיעל טאנין און פרישט אויף. ער איז אויסגעצייכענט אין טעם. לויט דעם געוויסען פאסטארס מיטטעל האַלט ער זיך לאַנג און ווערט נישט פערדאָרבען, צו יעדען פלאַשעל ווערד צוגעגעבען אביכעל פונ׳ם ד״ר דע׳באָררע: „איבער דעם וויין ס״ט רפאל ווי אַ היילמיטטעל וואָס זאָטטיגט און קראַפטיגט״; פערקויפט זיך אין די בעסטע וויינגעשעפטען אויך אין אַלע אַפטייק־מאַגאַזינען און אַפטייקען.

היט זיך פון נאכגעמאכטע געפאלשטע וויינען.

**COMPAGNIE DU VIN DE SAINT-RAPHAEL, VALENCE**
**(Drome, France.)**



Открыта подписка на 1900 годъ

**НА ЕЖЕДНЕВНУЮ ГАЗЕТУ**

# „ВОЛЫНЬ".

ПОДПИСНАЯ ЦѢНА:

| | | |
|---|---|---|
| **На** 12 мѣс. . . . 6 руб. | На 3 мѣс. . . **1 р. 50 к.** |
| **На** 6 мѣс. . . . 3 руб. | На 2 мѣс. . . **1 р. 10 к.** |
| **На** 4 мѣс. . . . 2 руб. | Помѣсячно . . **— р. 60 к.** |

РОЗНИЧНАЯ ПРОДАЖА №№ ПО 5 КОП.

**Подписка принимается** въ г. Житомірѣ, въ главной конторѣ редакціи, по Большой Бердичевской улицѣ, въ Архіерейскомъ домѣ.

*Редакція отвѣчаетъ за исправную доставку газеты лишь въ томъ случаѣ, если подписка принята въ Главной Конторѣ.*

**Контора газеты открыта ежедневно, за исключеніемъ дней праздничныхъ, отъ 9 час. утра до 6 час. по полудни.**



***Редакторъ-издатель*** *Г. П. Коровицкій.*



**מודעות** (אנאָנסען)
און אבאָנעמענט אויף „דעם יוד״ אין אָדעסא
נעהמט אָן ה׳ י. סווערזינסקי.
מיין אדרעס:
**I. SWiERZYNSKI, Odessa.**



די בעוואוסטע אלס אלערבעסטע קאנדיטערייא

## ש. שפיגעלגלאסס
ווארשא נאלעווקי 10.

פערפערטיגט די בעסטע אלער האנד קאנדיטעריי ארבייט צו ביליגסטע פרייזען, אין האָפנונג דאָס מיינע געערטע קונדען ווערדען העכסט צו פרידען בלייבען זאָ פראָווינצער ווי היזיגע בעזוכער וועלכע בעקומען אין מיינע קאנדיטעריי ביז 21 צייטונגען אין פערשיעדענע שפראכען. פערבלייבע אכטונגספאָל ש. שפיגעלגלאסס.



## פאבריק און סקלאד

פון פערשיעדענע היטע, צילינדערס און פערשיעדענע מיצען אויך אויסלענדישע. איין גרויסער אויסוואהל פון פערשיעדענע פאנטאזיע קינדער-מיצען.

אויך קען מען געבען פרעסען היטע און קליינע רעפעראציעס ווערען אין אויגענבליק אויסגעפיהרט.

בריעף-אדרעסע:

**ELIASZ BROTSZEIN,**
**Warszawa 31 Nalewki, Nr. 31.**



# ביבלותיקה „אחיאסף".

„חברת אחיאסף״ מתכבדת להודיע:

1) כי הספר האחד „ספרות ישראל", שהיה חסר „להקבוצה I", ושהדפסתו נמשכה עד כה נגמר עתה בדפוס, וכל אלה אשר שלמו מחיר קבוצה I ישיגוהו תיכף.

2) כל אלה אשר חתמו ידם על ה„ביבלותיקה" (על קבוצה אחת או שתים) בתשלומין לשיעורין ימהר נא לשלוה את השיעור האחרון עד כ״ה ניסן שנה זו, וכל אשר לא ימלא חובתו זאת עד ר״ח ניסן יאבד זכותו לקבל את יתר הספרים כפי תנאי הקניה.

3) המחיר 7 רו״כ לכל קבוצה נקצב רק עד ר״ח אייר ש״ז, וכעבור הזמן הזה יעלה מחיר הביבלוקתיקה **בשלשה רו״כ** ואז יהיה מחיר כל קבוצה 10 רו״כ בלי פארטא.

| קבוצה I. | | |
|---|---|---|
| התורה והחיים חלק I . . | 1 | 50 |
| התורה והחיים II . . . . | 1 | 80 |
| התורה והחיים חלק III . | 1 | 50 |
| ר׳ יו״ט ליפמאן צונץ . . | 1 | 90 |
| דעת אלהים . . . . . . | 3 | 05 |
| ספרות ישראל . . . . . | 2 | 25 |
| ירמיהו הנביא . . . . . | — | 60 |
| הגיתו החדש . . . . . . | — | 70 |
| בס״ה עלה מחיר כל הספרים האלה מכורכים בלי פארטא | 13 | 20 |

| קבוצה II. | | |
|---|---|---|
| ר׳ יהודה הלוי חלק ראשון . | — | 79 |
| ר׳ יהודה הלוי חלק שני . . | — | 79 |
| ר׳ אברהם בן עזרא I . . . | — | 93 |
| ר׳ אברהם בן עזרא II . . . | — | 79 |
| לקוטי קדמונים . . . . . . | — | 72 |
| קורות היהודים בספרד . . . | 1 | 21 |
| דניאל דירונדה . . . . . . | 1 | 98 |
| אפרים קוה . . . . . . . . | — | 93 |
| בירוניקה . . . . . . . . . | 2 | — |
| מכתבים ע״ד הספרות . . . . | — | 80 |
| דין וחשבון . . . . . . . . | — | 58 |
| שירת הזמיר . . . . . . . . | — | 55 |
| תחכמוני . . . . . . . . . | 1 | 68 |
| בס״ה עלה מחיר כל הספרים האלה מכורכים בלי פארטא | 13 | 75 |

ועתה נקצב מחיר כל קבוצה אך 7 רו״כ ועם פארטא 8 רו״כ. והשולח את הסך הזה בשלמות יקבל כל „הקבוצה" בבת אחת ספרים שלמים ומכורכים.

מחיר כל ספר מספרי ה„ביבלותיקה" לקונים ספרים בודדים ולא קבוצה שלמה נשאר כמקדם כפי מקחי הקאטלוג שלנו.

Издательство „АХІАСАФЪ", ВАРШАВА
**(Почтовой ящикъ** Nr. 25)

כע״פ: טווארדא 6 מעון 11.

## יי״ש לחג הפסח למהדרין ולמבינים.

היי״ש שלי ב״ה נודע כבר בטוב טעמו וריחו ובזך מראהו וכן ביתרון הכשרו (כל הפועלים והעוסקים אצלי המה מאחבנ״י) כמו שיעידו ויגידו הגאונים והצדיקים: מו״צ דק״ק הוראדנא,
ה״ר מרן ר׳ ברוך מרדכי ליבשיטץ זללה״ה אב״ד דק״ק שעדלעץ.
ה״ה מרן ר׳ אליהו חיים מייזיל שליט״א אב״ד דק״ק לאדז.
אדמו״ר ר׳ גרשון הינך זללה״ה מראדזין.
ה״ר מרן ר׳ יוסף דובער זללה״ה אב״ד דק״ק בריסק.
ה״ה מרן ר׳ חיים הלוי סאלאווייציק שליט״א אב״ד דק״ק בריסק.
ה״ר מרן ר׳ יצחק אלחנן ספעקטאר זללה״ה אב״ד דק״ק קאוונא.
ועוד ועוד.

כל הקונים יוכלו לקבל היי״ש בבקבוקים חבושי פסים, בני 1/20 1/10 ההין, ישר מהזאוואד שלי מוכן למכירה ישר לידיהם ואינו נחוץ לשלחו להקאזיאני סקלאד.

הקונים הפרטים יקבלו את היי״ש פסח שלי וכן מנוקה וישן בכל הרינסקע פאגרעבין וטראקטירין הגדולים וכן יוכלו לקבל ישר מהזאוואד שלי אך לא פחות מהין שלם (20 בקבוקים בני 1/20 ההין).

☞ הקונים ידרשו כי על הבקבוקים יהיה העטיקעט שלי ממראה מגן דוד וכן על כל בקבוק נדבק הכשר מהרבנים הגאונים הנ״ל וישימו נא זאת הדורשים יי״ש פסח אל לבם.

**נאום דובער בהגאון מוהר״ר מרדכי גימפל זללה״ה יפה.**

הקונים מווארשא והסביבה יפנו בפקודותיהם להה״ר אהרן וואלד ברחוב נאלעווקי 41 בהריינסקי פאגרעב שלו, אשר לו מסרתי את ממכר סחורתי על מקומות הנ״ל.

---

זילבער וואַרען פאַבריק פראבע 84 עט פלאטעע וואַרען

# J. SZEKMAN

ווארשא דזיקאשטראססע נו׳ 10 מאגאזין נאלעווקי נו׳ 20.


כתר תורה

Fabryka Dzika 10

פערפערטיגט עכטע זילבער וואַרען פאם איינפאכסטען ביז טהייערסטען, האלטעט רייכעס לאגער אין עסס-בעשטעקע, פערשידענע סערוויזען, לייכטערן, קאנדילאב-רען, חנוכה לאמפען, בשמים ביקסען, צוקער-דאזען, בע-כער, כתרים, עץ-חיים, ידן א״זוו. דאס יעדער אויפטראג און יעדער אויסוואהל זאפארט עפפעקטירט ווערדען קאן. אללעס צו פאַבריקס פרייזען.

Magazyn Nalewki 20.

☜ נימט אָן אלטע זילבער צו גוטע פרייזען ☞

---

**Fabryka perfum i kosmetyków pod firmą „IRIS“**

## H. Lachs, Warszawa, Solna 9




poleca zatwierdzony przez Warszawski Urząd lekarski za Nr. 337

**Puder „Iris“, zupełnie nieszkodliwy.**

Wskutek podrabiania upraszam o zwracanie uwagę na zatwierdzone przez Ministeryum Finansów w Rosyi fabryczne znaki „Iris“ Nr. 337.

**Dostać można we wszystkich składach aptecznych i perfumeryach.**

Żądać z podpisem: ***H. Lachs.***

---

Ch. Ritzenberg



די בעוואוסטע פאַבריק פון גילזען מאַשינען ארבייט אויס אויך מאשינען צו שטאָפּ-גילזען נייעסטער סיסטעם. פיר גוטהייט און דויער-האפטיגקייט וויר־ד גאראנטירט.

Warszawa, Dzika 44.

---

## ברוך־בענדער!



האַלטען איין דען שווערסטען ברוך אונד דריקען נישט דעם קערפער. נאַגראַדע! פאָן דאָקטאָרסקע אויסשטעלונג.

**D. MOSZKOWSKI,**
**Warszawa, Muranów 16.**

---

## פֿריילינען און דאמען

קענען זיך אויסלערנען גוט שניידען און נייהען אין אקורצע צייט דורך בריעף אין זארגאָן, רוסיש אין דייטש. די מעטאָדע איז די בעסטע און די גרינגסטע. אפילו 12 יעהריגע מעדכען קענען זיך גוט אויסלערנען. אויף תשובה אַ מארקע. ניט זוימט און פֿרעגט אָן ביי:

Mme. Naiditsch, Dawid-Horodok, Gouv. Minsk, Russie.

---

## נור מיט עטליכע רובל

קאן יעדער מענש ביי זיך אויפ׳ן אָרט אַ גוטע פרנסה אַיינפֿיהרען אַזוי ווי איך גיב צו ערקלערען דורך אַ בריעף געגען אַ 7 קאָפּ׳ מאַרקע.

אדרעסירען:

Warschau, Russie. Post-Restant, Mr. I. Naiditsch.

---

## מוטטערקארן

אזעלכע שוואַרצע קערנער וואָס ס׳וואַקסט צווישען קאָרן, קויף איך יעדען פּאָסטען אונד צאַהלע דען גרעסטען מקח נגד מזומן.

D. Andermann, Brody (Austria).

---

## צוקקער־קאלליאר כשר לפסח.

עס איז צו בעקומען ביי אונז צוקקער־קאלליאר פסח׳דיגע מהכשר הרב הגאון ר׳ זרח דישקין.

Zucker Koller-Fabrik in GRODNO. Vorstadt.

---

## שפירט לחג הפסח.

דער אויסשליסליכער פערקויף פיר גאַנץ פולין פון די־סטילארניע ד״ה יפה פון גראדנא איזט, ביי **אהרן וואלד** עט קאָמפּ. ווארשא נאַלעווקי נו׳ 41 פיר דען הורט אונד ענצילט. אויך איז צו בעקומען פערשידענע וויין, קאָניאַק, רוסישע און אויסלענדישע אויך א״י כרמל.

בריעף־אדרעסע:

**A. WALD & Com. Warszawa, Nalewki Nr. 41.**

---

**לידע להודיע ולהודע!** ווארשויער נייא-זילבער פאַן עכט ווייסען מעטאל, לעפעל, גאבעל, מעססער, סטאלאויע רעסטערנע צו טייא אונד אלעס מעגליכע ביי **שמואל שטערן ווארשא**, גראווירט בוכשטאבען „**ציון**“ אויף אלעס אומזאנסט.

**Skład fabryczny Sz. Sztern, Warszawa, Pawia 8.** :אדרעסע